STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04214

DI IDN IN SOVET-RUSLAND

A. J. Zhitnik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב א. י. זשיטניק

די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד

ערשטער בוך

חיים בעל עגלה ווערט אַ פאַרמער.
סאָוועט נעמט-צו בתי מדרשים.
אַ רב אַ קדוש.
אָפּגעלאָזט דעם שדוך.

פערלאַג קאָמיטעט פון רבי זשיטניקס שריפטן
3795 איסט 147־טע סטריט
קליוולאַנד, אָהייאָ
1925

The Independent Press, 2182 E. 9th St., Cleveland, O.

Copyright, 1925
By Rabbi A. J. Zhitnik

All Rights Reserved

חיים בעל־עגלה ווערט אַ פּאַרמער

אַ דערקלערונג

די סעריע „די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד," אנטהאַלט פינף ביכער מיט אַ מאַטעריאַל, וועלכער איז געבויעט אויף פאַקטן אינ'ם ווירקלאַכן לעבן.

אַלס אַ אומפּאַרטייאישער געזעלשאַפטלאַכער טוער האָב איך זיך צוגעקוקט צו אַלע פּאַסירונגען אינ'ם ספּעציעל אידישן אַזוי אויך ווי אינ'ם ארומיקן לעבן איבערן גאַנצן שטח פונ'ם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד דאָרט וואו אידן זיינען באַזעצט אין קאָמפּאַקטע מאַסן. סיי אַלס רב אין קיעוו און סיי אַלס גרינדער און פאָרזיצער פונ'ם אַלרוסלענדישן פאַרבאַנד פון די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן בין איך אַלעמאָל געווען ניט געבונדן ארויס־צוזאָגן מיינע מיינונגען, סיי אויף פאַרזאַמלונגען און סיי אין מיינע צייטונגען, און אָנווייזן די אמת'ן, ווי ביטער זיי זאָלן ניט זיין.

די פון מיינע געגנער וועלכע זיינען נאָר אָרנטלאַך דאַרפן איצט זיין איבערצייגט, אַז מיין מיינונג איז געווען די ריכטיקע וועגן דער שטאַנדהאַפטיקייט פון דער סאָוועטן־מאַכט און וועגן די מיטלען, מיט וועלכע דאָס אידישע לעבן אין רוסלאַנד קען אויפגעבויט ווערן אויף אַ נאַטירליכן געזונטן באָדן.

דאָס אַלעס, וואָס איך האָב געזען, געהערט און אָבגעשאַצט ווערט דאָ איבערגעגעבן אָן שום פאַרבאַהאַלטענישן אין אַזאַ אופן, אַז יעדער איינער וואָס זוכט דעם אמת וועגן די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועט פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן די ריכטיקע פאָרשטעלונג.

—א. י. ז.

1

וואָס־וואָס, אויף פּאָגראָמען־שרעק האָבן זיך די סמאָ־לענסקער אידן ניט געהאַט, וואָס זיך צו באַקלאָגן. אַפילו אין די יאָרן 1918־1919, וועלכע האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט באַנדיטישע אָנפאַלן אין צענטראַל רוסלאַנד און מלוכה־ביי־טעניש מיט פּאָגראָמען אין אוקראַינע, אַפילו חאַמאָלס זיינען די אידן אין סמאָלענסק געזעסן גאַנץ רוהיק, גלייך, ווי עמיצער אַגרויסער אויטאָריטעט, וועלכער פאַרדינט אינגאַנצן זייער צוטרוי, וואָלט זיי געגעבן זיין פאַרזיכערונג, אַז סמאָלענסק בלייבט אויף שטענדיק בא די סאָוועטן.

וויטעבסקער גובערני איז נאָך נאָענטער ווי סמאָלענסק צו דער פּוילישער גרעניץ, און אויף פּאָלאָצק, וואָס שטייט האַרט בא דער גרעניץ, פאַלן פון צייט צו צייט פּוילישע סנאַריאַדן, פון דעסט וועגן זיצן זיך די אידן אַפילו אין וויטעבסקער געגנד גאַנץ רוהיק און זיכער, אַז „קיינער" וועט אַהער ניט קומען.

ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן צו וואָהלין און האָבן זיך אַליין דערנענטט צו קיעווער געגנד, וואָס איז אַזוי ווייט פון דער פּוילישער „פּרעטענזיע" גרעניץ, — האָט די באַוועגונג געהאַט אַקנאַפּע ווירקונג אויף דעם לעבן אין סמאָלענסקער און וויטעבסקער געגנד. אַפילו אין יענע טעג, האָט אַ פּאָלאָצקער איד זיך גיכער געשראָקן פאַר אַ להכעיס־קויל פון דעם פּוילישן גרעניץ־אָטריאַד, איידער פאַר אַ פּוי־לישער אָקופּאַציע.

יעדע מינוט האָט מען זיך געקענט ריכטן, אַז אַ פּוילישער אָטריאַד, וואָס קוואַרטירט בא דער גרעניץ וועט זיך „צע־הוליען" און וועט אַריינוואַרפן אַ פּאָר צענדליק באָמבעס, אָנ־מאַכן דאָרט עטלאַכע שרפות און אויס־הרג'ענען אומשולדיקע

פּרידלאַכע בירגער. פֿאַרשטייט זיך, אַז די פּוילישע „העלדן" האָבן גאַנץ גוט געוואוסט דעם פּלאַן פון שטאַט און האָבן אַלעמאָל געטראָפן מיט זייער שיסן אין די אידישע קוואַרטאַלן.

דאָך איז אין דעם גאַנצן געגנד געווען אַ מין זיכערקייט, אַז ווייטער פון אַזעלכע „סטיטשקעס" וועלן די פּאָליאַקן ניט גיין.

זיינען די אידן אין וויטעבסקער־סמאָלענסקער געגענדן געווען אַזעלכע פּאָליטיקער אָדער סטראַטעגיקער, וואָס האָבן אבגעשאַצט, אַז אַזוי וועט עס זיין? צי האָבן זיי עס פּשוט אַזוי געפילט אינסטינקטיוו? און אפשר זיינען זיי געווען רוהיק דערפאַר, ווייל מאָסקווע איז צו נאָענט געאָגראַפיש און זי קען צו יעדע מינוט אַריבער וואַרפן אַהערצו גרויסע מיליטע־רישע גרופּן, אַבצושטויסן די פּוילישע מחנות ביז זייער גרעניץ? וואָס די סיבה זאָל ניט זיין, איינס איז געווען קלאָר—די אידן אין זייערע מאַסן האָבן אין דעם געגנד פון דעם ערשטן מאָמענט אָן ניט געגלויבט, אַז מיט מיליטערישע כחות וועט מען קענען די סאָוועטן באַקעמפן.

דערפאַר האָט דער אַנגריף פון די פאַרשידענע אַרמייען, וועלכע האָבן צו יענער צייט אָפּערירט אין די פאַרשידענע טיילן אין רוסלאַנד, ניט געהאַט קיין שום פּסיכאָלאָגישע ווירקונג אויף די אידן פון די געזאָגטע געגנדן, צומאַכן זיי דיינקען אַנדערש, ווי זיי האָבן געדיינקט.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַרשידענע גרופּן פון דער אידישער אינטעליגענץ (די תלמיד־חכמ'שע און גבאי'שע אַריינגערעכענט) האָבן קיינמאָל זיך ניט אָבגעזאָגט פונם געדיינק, אַז די סאָוועטן מוזן פאַלן, ווייל בשום אופן קען ניט געמאָלט זיין אַזאַ מלוכה. דעם דאָזיקן געדיינק האָבן זיי געפּרופט צו יעדע געלעגנהייט איבערגעבן צו די ברייטע אידישע מאַסן. אָבער ערנסט האָבן זיך די לעצטע ניט באַצויגן צו אַזעלכע השערות.

געגנטייל, די אידישע מאַסן אין יענעם געגנט האָבן אין זייער טאָג־טעגלאַכן לעבן זיך געפּרופט צופּאַסן צום סאָוועטן־רעזשים און האָבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער זיך באַפרייט פון דער ווירקונג פון אַזעלכע, וועלכע האָבן גע־חלום'ט וועגן דער מפּלה פון די סאָוועטן.

2

אין דער „צופּאַסונג" פון די מאַסן זיינען געווען פאַרשי־דענע פאָרמען. מערנסטייל פון די צוגעפּאַסטע אַרבעטער און בעלי מלאכות, האָבן עס געטאָן דערפאַר, ווייל זיי האָבן אָנ־ערקענט, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז זייער בלוט און פליייש. זי וועט פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן. זי וויל פאַרבעסערן זייער לעבן, וואָס איז געווען אַזוי שפּל'דיק אין דער צייט פון דער צאַרישער הערשאַפט. מיט אַזאַ מאַכט קאָרף מען גיין האַנט און האַנט, מיטהעלפן אין איר באַפעסטיקן און איינאָרדנען זיך, כדי זי זאָל קענען פאַרווירקליכן אַלע אירע גוטע שטרעבונגען.

צווישן אַזעלכע אַרבעטער און בעלי מלאכות זיינען געווען אַ סך אומפּאַרטייאישע, וואָס זייער אָנ'ערקענען די סאָוועטן־מאַכט האָט זיך ניט באַגרעניצט נאָר מיט אַ גוטער פילינג און אַ געטרייען ווּאונש, אַז די דאָזיקע מאַכט זאָל האָבן אַ קיום. זיי האָבן טאַקע געוואָלט מיט פּראַקטישע מעשים העלפן „זייער" מאַכט אין איר אַרבעט. פלעגן זיי קומען אין די געעריקע רעגירונג'ס אַנשטאַלטן און פאָרלייגן זייער אַרבעט און מיט־הילף אויף דעם געביט, וואָס זיי קענען ברענגען נוצן.

אַזוי אַרום איז געווען אין יענעם געגנט צובאַגעגענען על־טערע בעלי מלאכות, וועלכע האָבן אַ חוץ זייער מלאכה און

זייער בית המדרש קיין שום אַהנונג ניט געהאַט אין וועלכע ס'ניט איז געזעלשאַפטלאַכע פּראָבלעמען, און שוין אָבגערעט, אַז אין פּאָליטישע פראַגן, אַפּילו אין די גרענעצן פון קלאַסן־אינטערעסן, האָבן זיי געוואוסט, ווי אַ האָן אין „בני אָדם“, — אָט אַזעלכע בעלי מלאכות האָבן פּרייוויליק געדינט, על פּי רוב, אָן שום געצאָלטס, דער סאָוועטן־מאַכט, דאָרט וואו מ'האָט זיך געקענט מיט זיי באַנוצן.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי חאַצקעל דער מוליר, אַ איד פון עטלאַכע און פופציק, גייט אין זיינע פרייע שטונדן, נאָך אַ שווערן ווינטערדיקן אַרבעט־טאָג, נעמען אויפן חשבון אַלע פרייע וואוינונגען אָדער צימערן פאַר וואוינונג'ס־דעפּאַרטמענט פון דעם אָרטיקן סאָוועט, וועלכער דאַרף פאַרזאָרגן די וואוינונגסלאָזע בירגער מיט אַ רוה־אָרט. אָדער אָשר דער שוסטער, אַ איד פון אַריבער אַרבעים, וואָס זיצט באַם פּרק משניות אַלע פאַרנאַכט אין ליובאַוויטשער שטיבל, גיט אָב זיינע פרייע שטונדן צו זיין אַ אינסטרוקטאָר אין אַ סאָוועטישע שיך־וואַרשטאַט.

אַזעלכע אידן זיינען געווען צו זען אין יעדע שטאָט. זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט צום סאָוועטישן רעזשים אויף אַ באַוואוסטזיניקן און פּראַקטיש־נוצלאַכן אופן. זיי האָבן דאָס געטאָן מאַהבה — זיי האָבן ליב געהאַט דעם דאָזיקן רעזשים און זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אַלעם צו טאָן פאַר אים.

אַ צווייטער עלעמענט צווישן דער דאָרטיקער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צום סאָוועטן־רעזשים, אָבער שוין ניט מתוך אַהבה. ס'הייסט, ווען מ'זאָל באַ זיי געווען פרעגן אַ דעה צי די סאָוועטן־מאַכט זאָל קומען, וואָלטן זיי מיט כלי זמר איר ניט געגיינגעז אַנטקעגן. ווייל, ווי געזאָגט, האָבן דאָך די אידן אין דעם געגנד ניט פאַרזוכט דעם

„גוטן" טעם פון אַנ'אַנדער מלוכה'שן רעזשים, אַ דעניקין אָדער קאָלטשאַק, פּעטליורא אָדער די פּאָליאַקן.

אמת טאַקע, זיי האָבן געהערט פון די צרות, וואָס די אידן אונטער די דאָזיקע רעזשימען האָבן אויס־צושטיין. איז ערשטנס נאָך אַ גרויסע נפקא־מינה פון אַליין פאַרזוכן די נאָכדערציילטע איבערלעבונגען, ביז מ'הערט וואָס יענער דער־ציילט. און צווייטנס, איז דאָך נאָך אַ פראַגע, ווער ס'דער־ציילט! אַלע, וואָס קומען און דערציילן, ווי ס'שלעכט די אידן באַ די דעניקינצים וכדומה — קען מען דאָך חושד זיין, אַז זיי האָבן עפּיס אַ כונה . . . . דערביי. אפשר איז גאָר ניט אַזוי די מעשה, ווי מען דערציילט.

דעם סאָוועטן־רעזשים, ווידער, זעען זיי דאָך מיט זייערע אייגענע אויגן. זיי פילן דאָך איבער זייערע אייגענע פּלייצעס, ווי שווער און ביטער דער דאָזיקער רעזשים איז. נאָדיר גאָר אַ מלוכה זאָל זאָגן אַ דעה, פון וואָס דו מעגסט יע האָבן פּרנסה און פון וואָס ניט? אַזאַ בכבוד'ע פּרנסה, ווי מסחר איז באַ זיי גאָר טריף ווי חזיר און אַ מלאכה איז דוקא באַ זיי דאָס אויבערשטע פון שטייסל! צי אַ מלוכה זאָל זיך גאָר מישן אין דיינע פּריוואַטע ענינים — וויפיל צימערן דו מעגסט באַ־וואוינען און וויפיל העמדער דו מעגסט האָבן? ס'איז איר עסק, אויב דו מיט דיין פאַמיליע פון אַ ווייב מיט אַ קינד באַוואוינסט אַ דירה פון זעקס חדרים, און אַנ'אַנדערער וואוינט מיט זיין פאַמיליע (אַ ווייב מיט אַכט קינדער) אין אַ דירה פון צוויי חדרים!

די דאָזיקע אַלע גזרות פון דער סאָוועטן־מלוכה זעען זיי דאָך, און זייער ביטערן טעם פאַרזוכן זיי דאָך יעדע שעה, יעדע מינוט. זיינען זיי טאַקע בפירוש פון איר ניט צופרידן. זיי ווייסן אָבער, ווי געזאָגט, אַז קיינער קען די דאָזיקע מלוכה

ניט מנצח זיין. די מלוכה איז דאָ צוהאַלטן זיך, און איין גאָט אין הימל ווייסט אויף ווי לאַנג. איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ, נאָר צו צופּאַסן זיך צו דעם רעזשים. אַ מלוכה איז אַ מלוכה, יע צופרידן — ניט צופרידן, איז זי דאָ מוז מען איר פאָלגן. ס'דאַך אַ בפירוש'ר דין אין דער גמרא דאַרטן.

און ס'נאָר געגנוג געווען אַזוי צוטראַכטן אין אַ משך פון אַ קליינער צייט, אַז זייער מיינונג אויך וועגן די מעשים פון סאָוועט זאָל געענדערט ווערן. ווײַבאַלד, אַז זיי האָבן באַ זיך גע־פּועל'ט, אַז די סאָוועטן־מאַכט בלייבט און אויף קיין אַנדערער איז ניטאָ צו וואַרטן, האָבן זיי אָנגעהויבן טיפער זיך אַריינ־טראַכטן אין די סיבות, וואָס צווינגען דעם סאָוועט טאָן דאָס וואָס ער טוט. און אַלע האַרבע קשיות, וואָס עס איז ביי זיי געווען אויף דער סאָוועטן־מאַכט האָבן אָנגעהויבן טיילווייז און ביסלעכווייז צו פאַרענטפערט ווערן. דערצו האָט זייער אַ סך מיטגעהאָלפן די אויפקלערונגס אַרבעט טאַקע פון סאָוועט גופא. דער וואָס האָט זיך נאָר פאַראינטערעסירט צו וועלן ווּיסן, וואָס קומט פאַר אינ'ם געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון דער סאָוועטן בויאונג, דער, וואָס האָט נאָר ניט געוואָלט זיין קיין סתם מקשן און האָט געזוכט אַן ענטפער אויף זיין קשיא צו דער סאָוועטן־מאַכט, האָט אַלע מאָל געקענט אַזאַ אמת'ן ענטפער קריגן באַ די מיטינגען און לעקציעס, וועלכע זיינען איינגעאָרדנט געווען יעדן אָוונט אין די פאַרשידענע קלובן.

3

זיינען טאַקע די מער באַוואוסטזיניקע אידן פון דעם גע־זאָגטן צווייטן עלעמענט געגאַנגען אַהינצו און דאַרטן זיינען זיי שוין געוואָר געוואָרן פון אַלעם. דאַרטן האָט מען זיי קודם

כל געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס „מלוכה“ און וואָס איז דער אונטערשיד פון אַ פּראָלעטאַרישע מלוכה אָרדנונג אין דער פאָרם פון סאָוועטן ביז אַן אַנדער מלוכה אָרדנונג.

יעדע מלוכה איז באַרופן צו רעגולירן די אינערלאַכע גע־זעלשאַפטלאַכע פראַגן פון מענטש צו מענטש. דאָס איז די ערשטע און וויכטיקסטע פראַגע אויפן היימישן פראָנט בא יעדע מלוכה, און שוין דאָ איז פאַראַן אַזאַ גרויסער חילוק צווישן דער סאָוועטן סיסטעם ביז די איבעריקע מלוכה סיסטעמען. אַלע אַנדערע מלוכות רעגולירן די דאָזיקע פראַגע לויט'ן געלט פּרינ־ציפּ: דו באַקומסט פון דער געזעלשאַפט אַזוי פיל, וויפיל דיין פאַרמעגן טרעפט אָן, האָסטו אַ סך געלט, געניסטו אַ סך פון די געזעלשאַפטלאַכע געניסן; האָסטו ווייניקער — געניסטו ווייניקער, האָסטו גאָר ניט קיין געלט — געניסטו במחילה גאָר־ניט. אַרבעטן צענדליקע טויזנטער מענטשן און באַ־קומען פון זייער אַרבעט, נאָר כדי צודערהאַלטן זייער נשמה, זיי זאָלן ווייטער קענען אַרבעטן און דעם גאַנצן פּראָפיט פון זייער בלוט און פלייש, באַקומט איין פּערזאָן, וואָס האָט די געלט. אַזאַ מלוכה האָט פאַר זיך אַן אויפגאַבע אָפּצוהיטן אָט דעם דאָזיקן הייליקן פּרינציפּ, כדי די פרידלאַכע באַציהונג פון מענטש צו מענטש זאָל ניט געשטערט ווערן. גיט זי שוין אַכטונג (יעדע מלוכה האָט שוין אירע וועגן און מעטאָדן), אַז די אַרבעטער זאָלן טאָן וואָס זייער באַרוף איז (אַרבעטן וואָס מער) און דער געלט־האָבער זאָל טאָן דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן (ווערן רייכער און פעטער).

די סאָוועטן־מלוכה רעגולירט אָט די דאָזיקע פראַגע נאָר אויף אַן אַנדער אופן, טאַקע אַ געגנזעצלאַכן אופן: — ניט לויט'ן געלט פּרינציפּ, נאָר לויט'ן אַרבעט פּרינציפּ. דער, וואָס אַרבעט און שאַפט די אוצרות פון דער געזעלשאַפט דער דאַרף פון זיי

גענים׳ן. אלע וואס ווילן א חלק אין דעם געזעלשאפטלאכן טאפ, מוזן דארט פריער האבן זייער ביטראג אויסער, פארשטייט זיך, די וואס קענען גאר ניט ביטראגן צוליב זייער עלטער (קינדער און זקנים), אדער צוליב זייער געזונד־צושטאנד. דערפון נעמט זיך, וואס דער סאוועט מוז איבערקוקן די רשימה פון די מענטשן, וועלכע וואוינען מיט זייערע קליינע פאמיליעס אין גרויסע, שיינע און באקוועמע דירות און פון אזעלכע, וואס וואלגערן זיך מיט זייערע גרויסע פאמיליעס אין קליינע, נאסע און פינסטערע קעלערס. און איבערקוקנדיק די געזאגטע רשימה ווייזט זיך ארויס, אז דוקא די, וואס האבן מיט זייער בלוט און שוויים אויפגעשטעלט אט די דאזיקע גרויסע און שיינע פאלאצן (די ארבעטער), זיי וואלגערן זיך אין די איינגע, פייכטע קעלערס, און די, וואס באוואוינען די גרויסע פאלאצן (די געלד־האבער) זיי האבן אויף זייער לעבן קיין האנט אין קאלטע וואסער ניט אריינגעטאן. דאס איז ניט יושר־דיק. דאס איז ניט מענטש־לאך. אזוי קען זיך פירן בא א מלוכה, וועלכע רעגולירט דעם געזעלשאפטלאכן לעבן לויט׳ן פרינציפ פון געלט. אזוי קען אבער בשום אופן ניט זיין, ווען בא דעם געזעלשאפטלאכן רודער שטייט א הארעפאשנע מלוכה, וואס אין דער געזעלשאפט וויל זי אלעם איינארדנען לויט׳ן פרינציפ פון ארבעט.

דער איד קומט אהיים פון אזא מין לעקציע. ער קלייבט זיך פריער אליין פארנאנדער אין דעם אלעמען, וואס ער האט דארטן געהערט. עס איז כשר וישר לכל הדעות. דערציילט ער דעם ענין פאר זיין ווייב, איז זי אינגאנצן מסכים מיט אים: „אזא יאר אויף מיר, ווי זיי זיינען כשר געטעבט!"

און עס בלייבט בא זיי, אז „ס׳איז כלל וכלל ניט פון די גרויסע עולות, אויב דער סאוועט פירט אריבער זאנוויל דעם סטאליר מיט זיין זאלבע־ניינט פאמיליע פון דער איינגעוואלגערטער

קליינער חורבה אין ראָזענשטיינס הויף. וואָס? ראָזענשטיין מיט זיין מאַדאַם און בן יחיד דאַרפן פאַרנעמען אַ דירה פון צען חדרים? וואו שטייט עס ערגיץ געשריבן אין דער תורה? ס'דאַכט זיך פיל לייטישער, אַז פאַני ראָזנשטיין זאָל אין זיין הויף פאַרנעמען צוויי חדרים און די איבעריקע אַכט חדרים זאָלן איינגעטיילט ווערן פאַר אַזעלכע צוויי משפחות, ווי זאַנוויל דעם סטאָליאַרס.

אָט אויף אַזאַ אופן ווערט רעכט באַ אַזאַ אידן מיט זיין ווייב די פּראָגראַם פון סאָוועט אין דער וואוינונג פראַגע. שילטן האַרף מען שוין ניט דעם סאָוועט דערפאַר. ער טוט אַ גלייכע זאַך.

4

אויף איבער אַכט טאָג לייענט מען אין גרויסן זאָל פון „פּראָפסאָיוז" אַ פאָרטראַג וועגן דער שפּייז פּאָליטיק פון סאָוועט. זאָגט די ווייב צו איר מאַן (דאָס איז דער איד, וועגן וועמען מיר רעדן דאָ) אַז זי וויל אויך גיין הערן. קיין איינ־טריט קאַרטע דאַרף מען דאָך ניט האָבן. אין רוסלאַנד קאָסטן אַזעלכע זאַכן קיין געלט ניט. פאַרוואָס זשע זאָל זי עפּעס זיצן אין שטוב און וואַרטן ביז דער מאַן וועט קומען און איר דערציילן? בעסער וועט זי אַליין גיין און וועט אַליין הערן גלייך מיט איר מאַן.

הערן זיי דאָרט, ווי איינער רעדט וועגן דעם ענין, פאַרוואָס עפּעס מוז איצט די סאָוועטן־מאַכט רעגולירן די שפּייז פראַגע פאַר דער באַפעלקערונג און דערלויבט ניט דעם פריוואַט האַנדל. ער גיט עס צופאַרשטיין אויף אַזאַ מין אופן׃

אַ דאַנק דער אימפּעריאַליסטישער בלוט מלחמה איז דאָס

לאַנד פּאַראַרימט געוואָרן. אירע נאַטירלאַכע אוצרות קענען ניט אויסגעאַרבעט ווערען אין דער גענוגענדער מאָס. נאָכער איז געקומען דער בירגער קריג און האָט נאָך צום איבעריקן רואינירט דאָס לאַנד פּאַרמעגן. מיר קענען ניט לאָזן אין גאַנג אַלע אונזערע זאַוואָדן און פאַבריקן. די מאַשינעריי איז רואינירט און מ'קען זיי ניט פאַרריכטן. דאָרט, וואו די מאַשינעריי איז אין אָרדנונג, פעלט די גענוגענדע צאָל הייץ־מאַטעריאַל, קענען אפילו די געזונטע פאַבריקן ניט אויסגענוצט ווערן ווי נעעריק איז. פעלט אונז די נויטיקע צאָל פּראָדוקטן, וואָס דאָס לאַנד דאַרף האָבן. נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ נויטיקן פּראָדוקט ווי צוקער. בא אונזער גרעסטער אנשטריינגונג קענען מיר אַצינד אַרויסבאַקומען פון אונזער צוקער אינדוסטרי, הלואי אַן אַבטעל פונט א וואָך פאַר יעדן נפש. דאָס באַזאָרגן די צוקער פאַבריקן מיט הייץ־מאַטעריאַל, קומט אונז אָן מיט דער גרעסטער מסירות נפש. די וואַגאָנען, וועלכע מיר נוצן צום אַריבערפירן די נויטיקע מאַטעריאַלן צו די פאַבריקן און פון די פאַבריקן, וואָלטן מיר גאָר באַדאַרפט האָבן פאַר די קרבנות פון די באַנדיטישע און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פראָנטן, און טאַקע פאַר די פראָנטן גופא. די אַרבעטער שטייען הונגעריקע אין די צוקער פאַבריקן און מיט דער גרעסטער אויסגעמאַטערט־קייט סטאַרן זיי זיך אַרויסגעבן דעם מאַקסימום פון דער אויס־אַרבעטונג.

דערנאָך, אַז דער צוקער גייט שוין אַרויס אויפ'ן מאַרק, פאַלט ער ערשט אַריין אין די הענט פון אַזעלכע לייט, וועלכע ווילן אַלע מאָל אויסנוצן דעם פאָלקס אומגליק פאַר זייערע אייגענע פּראָפיטן. קויפן זיי אויס דעם גאַנצן צוקער און באַהאַלטן אים ערגיץ, כדי אַרויפשרויפן אַן אומגעלומפּערטע פּרייז, און דער אומבאַהאָלפענער בירגער קען קיין שטיקל צוקער ניט

קריגן. ווען דער דאָזיקער ספּעקולאַנט רעכנט זיך אויס אַז פאַר אים לוינט שוין דעם צוקער אַרויסלאָזן פון זיין באַהעלטע־ניש, קען ערשט דער אָרימער בירגער צו אים ניט צוקומען, צוליב זיין גרויסן פּרייז, ווײַלכער איז באַשטימט דורכ'ן בלוטזויי־גער דעם ספּעקולאַנט. דער רייכער געברויכער האָט מורא פאַר'ן יקרות און אַ פּרייז קען ער דאָך יאָ צאָלן, גרייט ער זיך אָן ניט אַ אַכטל פונט אויף אַ נפש, נאָר פינף פונט און אָפּט מאָל מער, און ער גרייט זיך ניט אָן אויף אַ וואָך, נאָר טאַקע אויף עטלאַכע חדשים.

עס איז אַ שטענדיקע דערשיינונג, אַז אַפילו דער אַרבעטער פון צוקער פאַבריק, דער זעלבער אַרבעטער, וואָס אַרבעט מיט אַזוי פיל מסירות נפש דעם צוקער צו שאַפן, — ער אַליין קען נאָכער קיין שטיקל צוקער ניט באַקומען, צוליב דער ווילדער געלד גייציגקייט פון דעם פאַרדאַרבענעם ספּעקולאַנט.

דאָס זעלבע איז, פאַרשטייט זיך, ניט נאָר מיט צוקער. אַזוי איז אויך — נאַפט. דאָס זעלבע איז אויך מיט מעל און זאַלץ און אַלע אַנדערע נויטיקע לעבענס פּראָדוקטן. נו, קען דאָס די אַרבעטער מלוכה זען און שווייגן? קען מען דען אַצינד שטיין מן הצד און צוזען ווי אַ הייפעלע אויסגעפרעסענע, זאַטע בלוטזייגערס וועלן האַלטן אין זייער לאַפּע דעם לעבנס גורל פון מיליאָנען שאַפנדיקע אָרנטלאַכע בירגער? מיליאָנען קליי־נינקע קינדער ווערן דאָך אַ דאַנק דער פאַרברעכערישער ספּעקו־לאַציע איינגעקאָרטשעט, איינגעדאַרט און עס ווערט אָפּגע־שטעלט דער פיזישער וואוקס פון דעם נייעם דור, וואָס דאַרף איבערנעמען פון אונז די רעוואָלוציאָנערע ירושה. זייער בלוט, אָט דאָס אומשולדיקע יונגע בלוט צווינגט אונז צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער טיוולאָנישער וואַקכאַנאַליע און מיר אַליין מוזן פאַנאַנדערטיילן אונזערע לעבנס מיטלען צו די אַלע בירגער לויט'ן פּרינציפּ פון אונזער רעוואָלוציאָנערע אָרדנונג.

לויט די פאקטישע סטאטיסטיק וועגן דער אויסאר־בעטונג פון אונזערע לעבנס פראדוקטן, ווייסן מיר וויפיל יע־דערער פון דער באפעלקערונג קען קריגן פאר זיין געברויך. די אלע פראדוקטן קומען אריין אין די סחורה הייזער פון דער מלוכה און פון דארטן ווערן זיי פאנאנדערגעטיילט צו די בירגער.

נאר דורך אזא שפייז פאליטיק קענען מיר האפן פארגרינ־גערן אונזערע ליידן, וואס די ארגאניזירטע קאנטער־רעוואלוציע פארשאפט אונז און סוף כל סוף צוקומען צו דעם געוואונשטן פונקט אין דער סאציאלער רעוואלוציע, וואו אלע בירגער אן אונטערשיד פון קלאס וועלן שוין קענען לעבן א פרייען נוצ־לאכן לעבן פאר זיך און פאר דער גאנצער געזעלשאפט.

5

די אויפקלערונג פון איין זייט און די טאג־טעגלאכע איבער־לעבונגען צוזאמען מיט דער צעווילדעוועטער ספעקולאציע פון דער צווייטער זייט, האבן געמוזט איבערצייגן דעם ארנטלאכן בירגער פון דעם געזאגטן צווייטן עלעמענט אין דער אידישער באפעלקערונג, אז אין זיין צופאסונג צו דער סאוועטן־ארדנונג געווינט ער זיין גלייכבארעכטיקונג און גלייכצייטיק זיין „וויסן“ פארוואס ער ליידט. דאס אליין, אן און פאר זיך, איז א געוויסע פארגרינגערונג אין די יסורים פון דעם איבערגאנגס מאמענט, ביז וואנען עס וועט אנהויבן ליכטיק ווערן.

גלייכצייטיק האט דער דאזיקער „וויסן“ נאך א צווייטע ווירקונג: אזא איד האט אין זיין צופאסונג צו דער סאוועטן־ארדנונג ניט נאר געגעבן זיין הסכמה אלס בירגער, נאר ער האט

טאַקע אָנגעהויבן באַגרייפן און פילן, אַז ער מוז ווערן אַ
נוצלאָכער בירגער. ער האָט געמוזט בײַ זיך פרעגן, וואָס פאַר
אַ נוצן ברענגט ער דער געזעלשאַפט. און בײַ דער פראַגע האָט
ער זיך געמוזט פאַרטראַכטן. ווײַל דאָ רעדט זיך, מערסטנטייל,
וועגן אַזאַ אידן, וואָס האָט ביז אַהער קיין באַשטימטע אַרבעט
ניט געהאַט. זײַן פרנסה איז געווען — לופט. קויפן און
פאַרקויפן, מעקלעריי וכדומה.

נאָך דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געזען, געהערט און איי־
בערגעלעבט זינט די סאָוועטן־מאַכט עקזיסטירט, האָט ער זיך
שוין ניט געקענט נאַררן און האַלטן זײַן פרנסה פאַר אַ נוצ־
לאָכע, לכל הפחות, בײַ דער איצטיקער אָרדנונג.

קומענדיק אַהיים פון אַזאַ לעקציע, פרעגט בײַ אים זײַן
ווייב:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּים?

אַ ווײַלע קוקן זיי זיך איבער, ווי פאַרצווייפלטע. ריידן
האָבן זיי ניט וואָס. אַנדערע האָבן שוין גערעדט פאַר זיי...
די שטילקייט ווערט אָבער באַלד איבער געריסן דורך דער
זעלבסט־ווירדע פונם מאַן:

— זיי זיינען, זאָגט ער, גערעכט — איך בין אָבער אויך
גערעכט. ביז איצט, אין ניקאָליי'ס צייטן, האָב איך קיין אַנ־
דערער ניט געקענט זײַן, ווי איך בין. איצטער, אַז ס'זיינען
אָנגעקומען אַנדערע צייטן, דאַרף מען פּרובן אויך „ווערן אַן
אַנדערער".

אָט בײַ דעם פּונקט (ווערן אַנ'אַנדערער) איז דער אויבנ־
געזאָגטער צווייטער עלעמענט, דער אַזוי גערופענער מיטל־
קלאַס, אַוועק געשטעלט געוואָרן, ווי אַנטקעגן אַ פייערדיקן
באַרג. ווען פון הינטן זיינען אַלע בריקן איבער געריסן און קיין
צוריקקער איז דערווייל פאַר אים ניטאָ.

דעם ערשטן עלעמענט איז גוט. ער האָט שוין לאַנג גע־פונען זיין וועג און זיין אַרבעט צוזאַמען מיט דער סאָוועטן־מאַכט. ער איז איצט פּאַרטאַן אינם ברענענדיקן קאַמף, און אַלע יסורים וואָס ער לעבט איצט איבער איז ער מקבל באהבה. אַלעס, זאָגט ער, איז כדאי.

דעם דריטן עלעמענט אין דער אידישער באַפעלקערונג, דעם אויסגעשפּראָכענעם קעגנערשן צו די סאָוועטן, איז אויך גוט. ער ווייסט פאַרוואָס ער ליידט. ער דאַרף נאָר איבער־וואַרטן ביז די סאָוועטן־מאַכט וועט כאַפּן איר מפּלה. אין דעם צווייפלט ער ניט אפילו א מינוט. אויב ניט היינט — איז מאָרגן, איר סוף איז אַ געזיכערטער. — וואָסי, דעניקין שלאָפט? צי פּעטלורע איז געפּייגערט? און וואו זיינען די פּאָליאַקען? און טאַקע פראַנקרייך? כ'מיין, וואָס איז שייך צוזאָגן, ווער זעט דען ניט, אַז די באָלשעוויקעס האַלטן זיך מער ניט ווי אויף אַ האָר? — אַזוי האָט דער דאָזיקער עלעמענט גערעדט און אַזוי האָט ער געהאָפט. דעריבער איז פאַר אים מער ניט געבליבן, ווי צו וואַרטן אַ קאַפּיטשקאַלע ביז די האָאָר וועט זיך איבער רייסן און די סאָוועטן־מאַכט וועט ברעכן איר האַלז און נאַקן. איי, ס'פּאַרציט זיך אביסל צו לאַנג — דאָס איז גאָר ניט. עס איז כדאי צו וואַרטן אַביסעלע לייִנגער, אַבי פּטור צו ווערן פון דער אָנשיקעניש — באָלשעוויזיע —, וועמען ער האָט פיינט ווי סם, ווי גיפט.

זיין שנאה צום נייעם רעזשים פון איין זייט און זיין פעסטע איבערצייגונג אין דער סאָוועטישער מפּלה פון דער צווייטער זייט, האָט אים פאַרזיסט זיין ליידן. ער האָט ניט געלעבט מיט'ן היינט, ער האָט זיך געקוויקט מיט'ן מאָרגן, און דאָס איז דאָך גוט. „אַ איד, זאָגט ער, איז דאָך אַלע מאָל אַזוי.“

אָבער דער צווייטער עלעמענט, דער מיטל־קלאַס, אים

איז געווען ביטער און פינסטער. פונם אַלטן אָרט לעבן איז ער אָבגעריסן, מיט׳ן סאָוועטן־רעזשים האָט ער שוין, ווי ס׳ניט איז, שלום געמאַכט און צום נייעם אָרט לעבן, לויט דער פאָ־דערונג פונם איצטיקן רעזשים פונם איצטיקן לעבן — איז ער ניט געקומען — ער ווייסט אַפילו ניט ווי אַרום קען ער צו אים קומען.

דער נייער רעזשים מיינט — „זיך נעמען צו אַנ׳אַרבעט." דאָס מיינט — ווערן אַנ׳אַרבעטער. ער איז אייך שוין מוחל, וואָס אין די מיטעלע יאָרן, אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער, מוז ער אַצינד זיך נעמען צו אַזאַ פרנסה, אויף וועלכע ער האָט אַלע מאָל געקוקט מיט פאַראַכטונג. איין קלייניגקייט — אַ מלאכה, אַ בעל מלאכה! דעם בזיון פון דער זאַך, איז ער אייך שוין מוחל. אָבער ווי אַרום קומט מען צו דער אַ „גליק־לאַכער" מלאכה? ווי אַזוי קען ער עס ווערן אַ בעל מלאכה, און טאַקע שוין האָבן פרנסה דערפון? פרנסה! ?

6

באַ חיים דעם בעל עגלה איז די פראַגע געווען נאָך שאַרפער. אַנ׳אַנדער איד בלייבט אָן פרנסה, דאַרף ער זאָרגן פאַר זיך און פאַר זיין ווייב און קינדער. ער, חיים בעל עגלה, איז געבליבן אָן פרנסה, איז לאַ די וואָס ער דאַרף טרוקענען דעם מח, ווי אַרום צו באַקומען ברויט פאַר זיין ווייב און קינדער, דאַרף ער נאָך זיך ברעכן דעם קאָפּ, וואו נעמט מען אויף אַ מעסטל סיטשקע פאַר זיינע צוויי סוסים?

ער האָט איצט מיט זיינע פערד לחלוטין ניט וואָס צו טאָן. ווען סמאָלענסק האָט געדינט אַלס אַ האַנדל־צענטער פאַר די אַרומיקע שטעט, האָט חיים בעל עגלה געהאַט אַנ׳אַרבעט —

פירן די מסטיסלאַווער קרעמער קיין סמאָלענסק. צוריק מיט א יאָר, ווען סמאָלענסק זעלבסט האָט שוין ניט געהאַט פאַר זיך אַליין געגוג סחורה, און פאַר די אַרומיקע שטעט האָט זי שוין אויפגעהערט שפּילן א ראָלע פון א האַנדלס־צענטר. — האָט עס חיים באַלד דערפילט. אים איז אויסגעקומען איין נסיעה נאָך דער אַנדערער, אין א משך פון פינף וואָכן נאָכ־אַנאַנד, אויסשלאָגן ניט מער ווי די אכילה פאַר זיינע סוסים. דאַן האָט ער זיך מישב געווען: איידער פירן די מסטיסלאַווער קרעמער „אומזיסט," וועט ער בעסער אַריבערפירן זיך מיט זיין ביסל אָרעמקייט קיין סמאָלענסק. דאָ, אין מסטיסלאַוו, האָט ער סיי ווי סיי גאָר ניט וואָס צוטאָן און דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, געשיקט זיך, אַז גאָט וועט אים פאַרלאָזן?

אין דעם ערשטן האַלבן יאָר האָט ער זיך, ווי ס'ניט איז אויסגעדרייט מיט זיין חושכ'דיקע פרנסה. פאַרט א גרויסע שטאָט. האָט ער ניט קיין פּאַסאַזשירן — האָט ער אַזוי משא פאַנאַנדער צופירן. ווי־ניט־ווי טראָגט עס אים אַריין א שטיקל ברויט פאַר זיין ווייב און קינדער, און א מעסטל סיטשקע פאַר זיינע שטימע נשמות להבדיל.

אָבער ניט לאַנג האָבן זיך באַ אים געצויגן אָט די גליקן. עס זיינען נאָך אַריבער די ווינטערדיקע טעג און נאָכער די ערב פסח'דיקע בלאָטעס. עס איז געוואָרן שיין און טרוקן אין דרויסן, האָבן זיך שוין אפילו אין דער גרויסער שטאָט סמאָלענסק גע־פינען גאָר וויניק בעלנים, אוים צוגעבן א פּאָר פיאַטקאַלאָך פאַר אַריבער פירן זייער משא. וואָסי, זיי האָבן דען אַליין קיין פּלייצעס ניט? מ'נעמט די שאַפע, דעם זאַק אָדער די אַנדערע משאות און מען שלעפּט זיי אַליין אַריבער דאָרט וואו מ'דאַרף, פאַרשפּאָרט מען דערווייל א צען פופצען קאָפּיקעס.

דאַמאָלס איז חיים'ן אויסגעקומען א גאַנצן טאָג, א נאָך־

פסח'דיקן גרויסן טאָג, זיך אַרום דרייען אין די היצן אַרום זיינע שטימע נשמות להבדיל און ציִזען דעם צער בעלי חיים. מיט'ן מויל האַלטן זיי אין איין קייען די צוים־אייזנדלאַך, און מיט'ן עק טרייבן זיי די פליגן פון זייער טרוקענעם רוקן. דערפילן די הונגעריקע פליגן דעם שמיץ פון די האַרטע עקן־האָר, פאַרלאָזן זיי דעם רוקן און הויבן־אָן ציען זייער חיונה פון די פערדישע פאָדערשטע פיס; טופּן די שטימע נשמות להבדיל מיט די פיס און טרייסלן מיט'ן גאַנצן קערפּער. אַ מלחמה, פירן זיי נעבאַך סיי מיט'ן הונגער און סיי מיט די הונ־געריקע בייזע פליגן, און חיים'ן הויבט זיך אָן אויסווייזן, אַז ער אַליין איז דאָ שולדיק אין דעם צער פון די דאָזיקע אומ־שולדיקע שטומע באַשעפענישן.

יעדער קלונג מיט'ן צוים־אייזנדל גיט אים אַריס אין האַרצן. עס ווייזט זיך אים אויס, אַז דאָס קריצן זיי אַזוי אויף אים מיט די ציין פאַר כעס. יעדער טופּ זייערער מיט די פיס — ווייזט זיך אים אויס, אַז זיי פאָדערן דאָס בא אים חשבון:

— וואָס וויל ער האָבן פון זייער טרויעריקן לעבן? וואָס מוטשעט ער זיי, אַז ער אַליין שטאַרבט מיט זיין ווייב און קינדער דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער? פאַרוואָס פאַרקויפט ער זיי ניט בעסער צו אַ פּויער, וואו זיי וואָלטן קיין הונגער כאָטש ניט געדאַרפט ליידן? — און יעדער קוק, וואָס די שטומע נשמות להבדיל וואַרפן אויף חיים'ן פון דער זייט, ווייזט זיך אים אויס, אַז זיי פרעגן בא אים:

— וואָס זשע וועט פאָרט זיין דער תכלית פון אַזאַ פּלאָ־געניש? ביז וואַנען איז דער שיעור זיך אַליין צו פּלאָגן, און אונז אויס צומוטשען ביז מיר'ן אינגאַנצן אנידער פאַלן? באַשר מיר זיינען רוהיקע און שטומע באַשעפענישן, און מיר זיינען בא אַ לא יוצלח אין גלות?

דער זייגער פון דעם גרויסן קלויסטער, וואס שטייט דא איבערן מארק־פלאץ קלינגט שוין דערווייל — פיר. קיין „פאטשאטאק" האט ער נאך אלץ ניט. ער פילט, אז איבער זיין לייב זעצט אים ארום א קאלטער שווייס. זיינע קני בויגן זיך אים, און דער קאפ הויבט זיך אים אן דרייען. ער קען ניט איינשטיין. ער פילט, אז די כחות לאזן זיך אים אויס. פארביי אים גייט דורך א מאן אין א פארלאטעטן כאלאט, טראגנדיק אויף זיינע פלייצעס א קאמאד. חיים זעט ווי דער מאן בויגט זיך אין דרייען, אט אט פאלט ער אוועק אונטער דער שווערער משא. ווייל ער אים פארלייגן זיין פערד־און־וואגן, באוועגט ער אין מויל די צונג — אבער אן דבורים.

ער שטריינגט אן זיינע לעצטע ביסל קרעפטן און ווארפט זיך אריין אינם ליידיקן הארטן וואגן, וואס זיינע טרוקענע ברעטער און אייזן זיינען פון דער ברענענדיקער זון הייס ווי פייער.

7

די פערד ווארפן א קוק הינטער זיך אויף זייער „שפייזער", וואס האט זיך אקארשט אריינגעשליידערט אין וואגן און ליגט שוין א אויסגעצויגענער, ווי פון צען נעכט ניט געשלאפן. מיט זשעדנע אויגן באטראכטן זיי אויך דעם מאן מיט'ן פארלאטעטן כאלאט, וואס בויגט זיך אונטער דעם שווערן קאמאד, ווי זיי וואלטן אויף זייער שטום־לשון געזאגט:

— אט א לא יוצלח! אז ס'מאכט זיך שוין יע א פאר־דינסטל, באפאלט אים גאר אין מיטנדרינען א שלאף!

שטייען זיי אזוי, אט די דאזיקע שטומע באשעפענישן, און אין זייער פערדישן מח פלאנטערט זיך א מיש־מאש פון גרינע

לאָנקעס מיט שמעקענדיקע היי. זייער גלייכן אין די דערפער גייען שוין איצטער געשפאַנט אין אַקער־אייזן, און זיינען פאַרזאָרגט מיט גרינע, פרישע גראָז, און סיטשקע, אויסגעמישט מיט האָבער, איז אויך ניט הפקר. עס ווערט זיי מיאוס דער גאַנצער מאַרק־פּלאַץ מיט זיין ברענענדיקער זון פון אויבן און מיט די גליענדיקע שטיינער פון אונטן. עס צוקאָכט זיך אין זיי דאָס פערדישע בלוט אויף די פּאַראַזיטן, די בלוט־זייגער — די פּאַסקודנע פליגן וואָס האַלטן אין איין טאָטשען, מ׳קען גאָר פון זיי ניט פּטור ווערן. און דאָ ליגט אַ אויסגעצויגענער אין וואָגן זייער לא יוצלח׳דיקער שפּייזער, ס׳זאָל אים אַפילו אָנהויבן אַהרן...

דער וועג פון סמאָלענסק קיין מסטיסלאַוו איז זיי געניי באַקאַנט. אין אַ פינסטערער נאַכט מיט אויגן פאַרמאַכט וועלן זיי פון שליאַך ניט אַראָפּ. פון ביידע זייטן שפּרייטן זיך וועלדער, לאָנקעס און פעלדער מיט זייער זאַנפטיקער גראָז. דאַרף מען טאַקע נויטיק שטיין דאָ אין דער פייערדיקער אָנגעגליטער היץ און שלינגען די סלונע פאַר הונגער? גיבן זיך אַזוי פּאַמעלאַך די פערדלאַך אַ ריר פונ׳ם אָרט. זעען זיי, אַז קיינער שטערט זיי ניט — הויבן זיי אָן גיין רירעוודיקער און גיכער, ביז אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום זיינען זיי שוין אויסערן שטאָט, לעבן דעם אויסגעהאַקטן וועלדל, פון וואַנען עס טראָגט זיך אַזאַ געשמאַקער מאַיאָווער ריח. זיי דערפילן איצט נאָך מער פאַרביסענער דעם הונגער, וואָס האַלט זיי די גאַנצע צייט אין איין מאַטערן. גיבן זיי זיך מיט אַמאָל אַ לאָז איבערן לייגנ־שמאָלן גרוב, וואָס טיילט פאַנאַנדער די גרינע לאָנקע פון דעם זייטיקן שליאַך. זיי האַלטן שוין די מאָרדעס אַראָפּגעבויגן איבערן גרינעם גראָז, און קוקן אַפילו ניט אָן דער זייט פון זייער שפּייזער.

פון דעם שטארקן טרייסל, ווען דער וואגן האט א שפרונג געטאן איבערן גרוב, האט זיך דער פאר־חלש'טער חיים אנ־געהויבן באוועגן, ליגנדיק נאך אלץ אין וואגן. דער ווינטל, וואס האט דא פאנאנדער געטראגען דעם אראמאט פון די גע־שמאקע ריחות, האט אים צום איבעריקן דערמונטערט. נאר וואס ער האט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען מיט אמאל א גאנץ „אנדער וועלט" פאר זיך, האט ער לכתחילה געמיינט אז דאס חלומ'ט זיך אים אזוי. ווען ער האט זיך גוט אויסגע־ריבן די אויגן, האט ער זיך פריער איבער געדרייט אויף דער לינקער זייט און האט ארויסגעקוקט פון איבער די וואגן־ווענטלאך, וואס זיינע שטומע נשמות, להבדיל, טוען. ערשט דערנאך, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט און אינגאנצן אויפגעוואכט, דער־זעענדיק, ווי זיינע פערדלאך שטייען ביז איבער די קני אין א געדיכטן גראז און האלטן אין איין קייען, — ערשט דאן איז ער אראפ פונ'ם וואגן און ארייגליייגנדיק זיינע הענט אין די הויזן־קעשענעס, האט ער זיך ערשט אוועקגעשטעלט טראכטן, ווי ארום קומט ער פלוצים אהערצו. טראכט אהער, טראכט אהין — ער קען עס בשום אופן ניט פארשטיין.

דערווייל איז ער זיך מישב: אז ס'יע אזוי די מעשה, טא וואס'זשע דארפן די שטומע נשמות, להבדיל, זיין געפענטעט אין באמעט מיט'ן צוים און שלייעם? א מער וואלט דאך שוין אפשר ניט קרום געווען זיי אויסשפאנען אינגאנצן און זאלן זיי הנאה האבן פון גאט'ס שפייז, טאקע ווי בא לייטן... ער זעט דאך, אז דא איז ניט קיין פעלד, מ'זאל דארפן מורא האבן פאר קאלי מאכן די תבואות. און פריצים ווידער זיינען דאך הייגט אויך שוין ניטא, מ'זאל דארפן איבערטראכטן, טאמער געהערט דאס צו א פריץ און ער וועט דערפאר באשטראפן.

אז די פערד זיינען שוין געווען אויסגעשפאנט און האבן

זיך ערשט. געמומען געשמאַק צום קייען, האָט זיך ערשט חיים אוועקגעזעצט אויפ׳ן גראָז און האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון דעם איינפאַל.

— ס׳דאָך טאַקע אַנ׳אַנטיטשנער איינפאַל, בנאמנות, טראַכט ער זיך, זאָלן כאָטש איינמאָל די שטומע נשמות, להבדיל, פילן אַ גוטן טעם פון אַ קיי־טאָן. און באַלד לויפט אים איבער אַ געדיינק: „פאַרוואָס טאַקע נאָר איינמאָל?" ער קען עס דען ניט טאָן אַלע טאָג, אויב חלילה, ער וועט קיין משא ניט האָבן צו פירן? די לאַגע איז סיי ווי סיי אַצינד ניט קיין פּריצישע. היינט געהער דאָך אַלץ צום סאָוועט. און דער סאָוועט וועט דאָך געוויס אַריין אין זיין לאַגע, אַז ער טוט דאָס ניט פאַר וואָוילטיק. וואָס קען ער טאַקע אין דער אמת׳ן זיך העלפן, אַז קיינער דאַרף איצט ניט קיין בעל עגלה און דאָ איז ער פאַרבליבן מיט די צוויי אומשולדיקע שטומע נשמות, להבדיל, וואָס ווערן פון ניט עסן אַלץ איינגעשרימ־פּנער, און האָט זיי אַפילו קיינעם ניט צו פאַרקויפן.

זאָל נאָר קומען צום אויס־טענה׳ן זיך מיט׳ן סאָוועט, וועט ער אים אַפילו באַווייזן אויג־אויף־אויג, ווי ער האָט געוואָלט פאַרקויפן זיינע צוויי פערד, נאָר קיינער וויל זיי ניט קויפן. וועמען פעלן איצט אומזיסטע עסערס, אַז אַפילו די פּויערים אין דאָרף האַלטן איצט ניט מער ווי איין פּאָר פערד. האָט מען זיי געוואָלט באַ אים קויפן אויף „פעל" רייסט אים דאָס האַרץ. וויפיל יאָר האָבן זיי געהאָרעוועט מיט אים צוזאַמען, וועט ער איצטער זיי פאַרקויפן פאַר אַ פּאָר רובל, מ׳זאָל זיי הרג׳ענען? ער קען עס באַ זיך ניט פועל׳ן. דאָס אידישע האַרץ לאָזט עס אים ניט טאָן. ער וועט עס זיך בפירוש ניט שעמען זאָגן דעם סאָוועט.

8

און אַז ס'האַלט שוין באַ אויסטעגהן זיך מיט'ן סאַוועט, ווערט חיים בעל עגלה באַ זיך מוטיקער. טוט זיך אַ הויב פון אָרט. ווארפט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף זיינע שטומע נשמות, להבדיל, ווי זיי האָבן עס זיך צוגעכאַפּט צום גראָז, ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל פון דאַנען ניט וועלן זיך אָפּרייסן. די פייגעלאך, וואָס זינגען דאָ, שפּרינגענדיק פון איין בוימל צום צווייטן, פילן זיך דאָ, ווייזט אויס, ניט הונגעריק און ניט אומעטיק. אַלץ איז דאָ, אַזוי גוט און וואויל. אַפילו די זון באַקט דאָ ניט ווי אין שטאָט.

און אַז חיים'ן קומט אויפן געדאַנק די „שטאָט", דער־מאָנט ער זיך אָן דעם מאַן מיט'ן פּאַרלאַטעטן כאַלאַט, וואָס האָט געטראָגן אַזאַ שווערן קאַמאָד און האָט אים ניט געוואָלט (צי ניט געקאָנט) געבן צו לייזן עטליכע קאָפּיקעס. אַגב, דער־מאָנט ער זיך די רייד פון זיין ווייב וואָס האָט אים געזאָגט היינט אין דער פרי, אַז אין שפּייז קליידל איז זי שוין שול־דיק אַ רובל מיט 80, דער קלייטניק וועט שוין מער ניט וועלן באָרגן, אויב זי וועט אים היינט ניט געבן אויפ'ן חשבון כאָטש אַ דרייסיק־פערציק קאָפּיקעס. און היינט די כאַדאָבע — וואָס גיט מען די צוויי שטומע נשמות, להבדיל, מאָרגן אין דער פרי?

באַ חיים'ן די מחשבות שטייען ניט אויף איין אָרט. זיינע פערדלאך האַלטן זיך אויך ניט אויף אַנ'אָרט און גייען זיך רחבות'דיק אַרום, גריזנדיק די גראָז, איבער דער גרויסער לאָנקע, — נו, וועט די זון שטיין אויף איין אָרט. אמת, אַ קלוים־טער און אויפן קלויסטער אַ זייגער — פּאַרמאָגט טאַקע נאָר די שטאָט, פון דעסטוועגן ווייסט זי זון אַפילו אין פעלד דעם זמן פון שקיעת החמה...

הויבן דאַמאָלט אָן די פּויערים זיך אומקערן פונ׳ם פעלד, ס׳איצטער באַ זיי די צייט פון אַקערן. זיי פאָרן פאַרביי דורך דער לאַנקע, וואו חיים בעל עגלה איז אַצינד „מגולגל״ געוואָרן. מיינען זיי, אַז צו זייער משפּחה פּויערים איז איצט צוגעקומען נאָך אַ נייער פּויער — אַ איד. היינט איז דאָך אַלץ צוגלויבן. אויב ס׳איז מעגלאָך, אַז דער פּריץ זאָל ווערן אוים פּריץ און דער סאַמסקי זאָל ווערן אוים סאַמסקי, טאָ פאַרוואָס־זשע זאָל ניט זיין מעגלאָך, אַז אַ בעל עגלה, זאָל ווערן אוים בעל עגלה? און דער פּויערישער קאָפּ לייגט זיך גאָר ניט אַנדערש, ווי אַ בעל עגלה, אַז ער ווערט אוים בעל עגלה, חאַרף ער ווערן אַ פּויער. וואָס דען וועט ער ווערן — אַ קרעמער? אַז אַפילו די קרעמער ווערן שוין איצטער אויך אוים קרעמער.

שטעלן די פּויערים אָפּ זייערע פורלאַך, באַטראַכטן דעם אידישן פּויער, דערזעט חיים, ווי זייערע פורלאַך זיינע פול מיט נאָר־וואָס אָפּגעשניטענע גראָז. פאַלט אים איין אַ נעדאַנק: „פאַרוואָס זאָל ער אויך אַזוי ניט טאָן? פאַרוואָס זאָל ער ניט מיטפירן פון דאַנען אַ ביסל גראָז, וועט ער האָבן פאַר זיינע שטומע נשמות, להבדיל, אויך מאָרגן צו האָדעוועןֿ?

נעמט ער ארוים זיין בעל עגלה׳שע מעסערל און הויבט אָן מיט דעם דאָס גראָז צו שניידן. די פּויערים זעען דאָס און „קאַטשען זיך פון געלעכטער״ — ווי אַ אידישער פּויער שניידט עס גראָז. אויף אַ וואונק פון איינעם פון זיי, שפּרינגען זיי אַלע ווי איינער אַראָפּ פון זייערע פורלאַך, כאַפּן מיט זיך די היי־מעסער, אַרויפגעטאָנענע אויף די לאַנגע שטעקענס, און טוען זיך אין דער גיך אַ לאָז צו דער לאַנקע. ווי זיי וואָלטן גאָר חיים׳ן ניט באַמערקט, גיבן זיי זיך אַ שטעל אוים איבערן פעלד און אין אַ צען־פופצן מינוט ארום, ליגן שוין גאַנצע שורות אָפּגעשניטענע היי.

חיים בעל עגלה בלייבט שטיין ווי אַ צעטולמעטער. ניט אַנדערש — אַז דאָס איז זייער פֿעלד און זיי זיינען עס אַצינד געקומען פֿאַרנעמען דאָס גראָז פֿון דער לאָנקע. ער וויל צונויף נעמען זיינע געדאַנקען און אָנהויבן זיך פֿאַרענטפֿערן, ווי אַרום ער קומט אַהער, און טאַקע דערווייל אויסגיסן פֿאַר זיי זיין ביטער האַרץ. ביז וואָס ביז ווען, שטייען שוין אָבער די פּויערים צוריק מיט זייערע היי־מעסערס איבער די אַקסלען און גייען שוין צוריק צו זייערע פֿורלאַך. איינער פֿון זיי האָט אים נאָר אַ זאָג געטאָן:

— זעסטו, זעמליאַק, אָט אַזוי שנײדט מען היי. גיי אַריין מאָרגן אין סאָוועט, וועט מען דיר אויך געבן אַ היי־מעסער. פֿאַרנוץ עס געזונטערהייט!

*   *   *

אַלץ, וואָס ס'האָט זיך באַ חיים'ן אין האַרצן אָנגעזאַמעלט פֿאַרן טאָג, האָט ער עס אַצינד אויס געגאָסן אין זיין מנחה־חאָוועניו, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין די זייטן ברעטלאַך פֿון זיין וואָגן. ווען שטערן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן איבערן בלויען הימל, האָט חיים אין דער גיך אָנגעפּאַקט זיין וואָגן אַ פֿולן מיט גראָז, איינגעשפּאַנט זיינע פֿערד און זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין, מיט'ן געדאַנק, אַז מאָרגן, מירטשעשעם, גייט ער אין טאָוועט.

9

געווען איז עס אין אַ דינסטיק, אַ הייסער מאַי טאָג. אין ערד־אָבטיילונג באַם סמאָלענסקער טאָוועט זשומעט, ווי אין אַ בינשטאָק. פּויערים פֿון פֿאַרשידענעם עלטער, אָנגעטאָנענע

מיט זייערע וואַלענע סוויטעס, וועלכע זיינען באַ די ברעגעס און באַ די קעשענעס אַרום געניים מיט שמאַלע פּאַסקלאַך לעדער, קומען אַהרצו מיט זייערע טענות. דעם פּעלט זריעה, יענעם פּעלט אַ אַקער־אייזן. אַ פינף און צוואַנציק יעריקע פּויערטע מיט אַ זויג־קינד אויף די הענט, שטופּט זיך צום שרייבערס טיש מיט קולות: „סאיז איר שווער צו וואַרטן, שוין ניטאָ די גאַוה'דיקע טשינאָווניקעס". די פּויערים, וואָס קנאַקן סעמעטש־קעס, רויכערן מאַכאָרקע און האַלטן אין איין שפּייען אויפן פּאָל, קוקן זיך איבער איינער מיט'ן צווייטן און מאַכן פאַר איר אַ גראַמען וועג צום שרייבער.

זי פאָדערט פון אים אַ אייזערנע לאָפּעטע, זי האָט ניט מיט וואָס צו אַקערן איר גאָרטן. אין אַלע קלייטן איז זי שוין אוים געווען, ניטאָ צו באַקומען. דער שרייבער גיט איר אַ קוויטל און חזר'ט איין מיט איר דעם אַדרעס פונם רעגירונגס־סקלאַד, וואו זי דאַרף אָבגעבן דאָס קוויטל און באַקומען די לאָפּעטע. די פּויערטע שאָקעלט מיטן קאָפּ: „זי ווייסט שוין וואָס צו טאָן מיט דעם." פאַר מער זיכערקייט, האַלט די פּויערטע דאָס קוויטל צווישן אירע ליפּן און שטופּט זיך שוין צוריק צו דער טיר.

די פּויערים לעבן טיר דערזעען, אַז די יונגע פּויערטע האָט אַזוי גיך באַקומען איר קוויטל און איז אַזוי רויטלאַך צו־פרידן, שושקען זיי זיך: — „זעסט, אַ באַבע!"

איינער דערציילט, אַז ער גייט שוין אַהערצו אַ וואָך נאָכ־אַנאַנד, אים האָט נאָך דער שרייבער קיין קוויטל ניט געגעבן. ער דאַרף בסך הכל האָבן אַ „דרייסיק פּודלאַך" זריעה און אַ אַקער־אייזן, האַלט דער פאַרוואַלטער אין איין דינגען זיך מיט אים. אַ אַקער־אייזן גיט ער אים, נאָר מיט דער זריעה הייסט ער אים צו וואַרטן. נאָך בירגער, זאָגט ער, דאַרף מען געבן

זריעה, מוז מען זען אזוי פאנאנדער טיילן דאס ביסל זאַ־פאס, וואס דער סאָוועט פארמאָגט, אז אלעמען זאָל סטייען.

— גיי זוך באַ זיי און אמת. אלץ איין שווארץ יאָר, וואס פאר דער רעוואָלוציע, וואס נאָך דער רעוואָלוציע. איר, האָט ער באַלד באפרידיקט, אפילו ניט גערונגען זיך. — דער מאַן, וואס טענה'ט אזוי איין מיט די אָרומיקע פויערים, זעט אויס צו זיין אַ יאָר פערציק. אַ הויכע, ברייט־ביינערדיקע, גלייכע פיגור, מיט אַ „געמאַכטע" איינגעבויגענע פאָזע. זיין אויסזען איז מער אַ גרויס שטעטישער, איידער אַ דאָרפישער. זיין קליידונג איז אפילו ניט איבעריק ניי און איבעריק גאַנץ, זיינע שיך זיינען אפילו פארלאַטעטע און אויסגעדרייטע, דאָך דערקענט מען אויף אים, אַז זיין האַלטן זיך, אַז זיינע גע־זיכט־שטריכן מיט די לאַנגע וואָנצעס, אַז ער איז אַמאָל גע־ווען אַ גאַנץ קנאַפער מחותן מיטן פויערים קלאַס.

די אָרומיקע צו וועמען ער טענה'ט באַטראַכטן אים פון אויבן ביז אַראָפּ „צי איז ער ניט אַ וואָלף אין אַ שעפּסענער פעל", און ענטפערן ניט מיט אַ וואָרט. אַ פאָר מיטל־יעריקע פויערים, קנאַקנדיק זייערע סעמעטשקעס, דרייען זיך אינ־גאַנצן אַוועק פון דאַנען, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסמיידן אַזאַ שמועס. איינער אַ פויער פון אַ יאָר פופציק, אָנגעטאָן אין אַ צעריסענער ברוינער סוויטע, איז איצט שטאַרק פאַרנומען מיט אַ ציגאַרקע מאַכן. ער שלעפּט פון די קעשענעס שווארצע צעריבענע בלעטער, שיט זיי אַריין אין אַ שטיקל צייטונג־פּאַ־פּיר און מאַכט דערפון אַ ציגאַר. דער פּאַפּיר קען ניט איבער־טראָגן דאָס דרייעניש פונם פויערס פאַרהאַרטעוועטע פינגער — רייסט עס זיך איבער. נעמט דער פויער און שיט אויס די צעריבענע בלעטער אין דער דלאָני פון זיין לינקער האַנט און זוכט שוין אַן אַנדער שטיקל פּאַפּיר, אַביסל אַ גרעבערס איידער

דאס ערשטע. פארדרייט ער א ציגאר און עס רייסט זיך שוין דוקא ניט איבער. האט ער אבער צרות מיטן פארקלעפן. נעמט ער אריין דעם ציגאר אין זיין גאנצער לייגג איבער דער ברייט פון זיין מויל און פירט אים דורך עטלאכע מאל, ביז ער ווערט איינגאנצן נאס — האלט ער זיך שוין. דארף ער אבער מיט אים אביסעלע צו ווארטן מיטן פארדרויכערן. דער ציגאר דארף זיך פריער אביסל צו טרוקענען—דער פייער זאל אים קענען נעמען. און אז ער וועט זיך צו טרוקענען—קען ער אפשר, חלילה, נאך אמאל זיך אפקלעפן. מוז נעבאך דער ארימער פויער האלטן זיין אויג איבערן ציגאר, ער זאל זיך אי צוטרוקענען און אי ניט אפקלעפן. ער מוז דאך געדיינקען, אז מיט פארדרויכערן דעם ציגאר דארף ער נאך אנקומען צו א צווייטן. קיין שוועבעלע איז ניטא צו באקומען, בעט מען בא אן אנדערן, וואס רויכערט, ער זאל געבן צו פארדרויכערן. טא ווי זשע קען מען יענעם נודיען אזוי לאנג, ביז א נאסער אדער אן אפגעקלעפטער ציגאר פארדרויכערט זיך?

אז ער האט זיין ציגאר באקוקט ארום־און־ארום און האט אים שוין יאקאם פארדרויכערט, שפייט ער אויס א דריי־פיר מאל, כדי אראפ טרייבן די טרוקענע בלעטלאך פון זיינע ליפן, און באשליסט זיך א נעם טאן צום מאן מיט די לאנגע וואנצעס.

10

זיין שווערע ציגאר־ארבעט, מיט וועלכע ער איז דא געווען אזוי באשעפטיקט די גאנצע צייט, וואס דער געשפרעך איז דא פארגעקומען, — האט אים, ווייזט אויס, ניט געשטערט אפילו אויף א מינוט צו צוהערן זיך און צו צוזען אלעס, וואס דא קומט פאר.

קודם, פארהאלט ער די יונגע פויערטע מיטן קוויטל אין

מויל. ער פאַרשטייט, אַז זי וועט אים צו נוץ קומען אין זיין אויס־טענה׳ן זיך מיט די „לאַנגע וואָנצעס“. זי האַלט שוין באַם אַריבער טרעטן די שוועל און ער בעט זיך בײַ איר: “כאַטש אַ פּאָר מינוטן וואַרטן דאָ“. קוקט זי אים אָן מיט אירע גרויסע בלויע אויגן און בייזערט זיך אויף אים:

— ביזט משוגע געוואָרן, צי סתם אַ ליידיק־גייער? מיין מאַן איז אין דער רויטער אַדמיי, מע מוז אין זינען האָבן באַלעבאַטישקייט.

טוט ער עטלאַכע פּאַפּקע זיין ציגאַר, ער זאָל זיך ניט אויס לעשן. שפּייט אַראָפּ די צעריבענע בלעטלאַך פון זיינע ליפּן און רוימט איר איין אין דער גיך אַ סוד:

— ווייזט אויס, אַ פאַרבאַהאַלטענער.... ער רייצט דעם עולם קעגן סאָוועט.

פאַרטראַכט זיך די פּויערטע אַ סעקונדע, זי כאַפּט אַ קוק אויף די „לאַנגע וואָנצעס“ און אירע פולע באַקן ווערן נאָך מער רויטער. זי ענטפערט אים: „גוט“ און ער קערט זיך צוריק אום צום רעדל, וואו די „לאַנגע וואָנצעס“ רעט פאַרן עולם:

— מ׳ווייסט נאָר צוברעכן, פאַרוויסטן אַלעס. בויען, איז קיינער ניטאָ אין דער היים. מ׳האָט בײַ די פּריצים פאַר־ נומען גרייטע פעלדער, פאַרטיקע תבואות און אַז אַן אָרימער פּויער קומט עפּעס בעטן, הערט מען אים ווי פאַר אַ יאָריקן שניי. און —

— עי! עי! וואָס האָרהאָטשעסטו? ווענען מאָראָ־ טשעסטו? — צעטומעלט אים די יונגע פּויערטע.

דער מאַן מיט די לאַנגע וואָנצעס דערזעט איר, פאַרלירט ער זיך דוקא ניט און ענטפערט איר באַלד, ניט געטראַכט:

— פאַרשטייט זיך, אַז דיר איז גוט. דיר האָט מען באַלד, אויסער אַלע רייען, אַ קוויטל געגעבן.

זיין ענטפער ווערט דורך אים באַגלייט מיט אַ ציניש

שמייכאַלע, בשעת ער טוט וואויל־יונגעריש אַ קוק אויף איר קערפּער. די פּאָר מיטל־יעריקע פּויערים, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרלאָזט דעם גערודער, האָבן שוין זיך אומגעקערט צוריק, זען „ווער איז שטאַרקער". די פּויערים קנאַקן סעמעטשקעס מיט דער גיכקייט פון אַ מיל. איינע נאָך דער אַגדערער שפּרינגען די סעמעטשקעס אין מויל, און מיט דער זעלבער שנעלקייט פאַלן די שאָלאַכץ אַרויס פונם מויל. וואָס די ניי־געריגקייט באַם עולם ווערט גרעסער, וואָס דער עולם שטריינגט מער אָן זיינע בליקן צום קריגערישן פּאָרל, אַלץ האַסטיקער הערט זיך דער קנאַק פון די סעמעטשקעס.

די יונגע פּויערטע זעט, וואו די „לאַנגע וואָנצעס" צילט זיינע וואויל־יונגערישע בליקן, ווערט זי נאָך מער אויפגערעג־טער. זי שטאַרקט זיך אָבער און ענטפערט אים מיט אַ נוסח, ווי זי וואָלט וועלן אים באַרוהיקן און זיך פאַרענטפערן:

— זע נאָר, צוליב וואָס עס איז דאָ זיך צו ערגערן? מ'האָט מיר געגעבן אַ קוויטל אויף אַ אייזערנע לאָפּעטע. נאָט לייענט עס, גוטע מענטשן!

איינער אַ פּויער לויפט אונטער. ער נעמט באַ איר דאָס קוויטל און לייענט עס אויף אַ קול, אַז אַלע זאָלן הערן. פּויע־רים רעדן צווישן זיך:

— זעסטו, ווי מען טאָר ניט באַלעבעטשען מיטן צונג!

די פּויערטע נעמט צוריק דאָס קוויטל צו זיך און פרעגט באַם עולם:

— אַדרבה, זאָלן גוטע מענטשן זאָגן. מיין מאַן איז אַ פּרייוויליקער אין דער רויטער ארמיי און שלאָגט זיך אַצינד קעגן די גענעראַלישע באַנדעס. איך דאַרף אין זינען האָבן באַ־לעבאַטישקייט און זיין אַ מוטער צו מיין זויג־קינד. האָב איך ניט אַ רעכט צו באַקומען אַ לאָפּעטע פון סאָוועט אויסער די

ריי? וואָסי, דאָ זיצן דען נאָך ניקאָלאַיעווסקי טשינאָווניקעס, וואָס האָבן צו זיך אונזערן אַ ברודער ניט צוגעלאָזט?

— גערעכט! גערעכט! הערן זיך קולות צווישן די פּויערים. די פּויערטע דערלאַנגט אין דער גיך איר קינד צו אַ פּויער, וואָס שטייט לעבן איר. זי שטרעקט אויס איר געזונטע מוסקעלדיקע האַנט, און מיט אַ צונויף געדריקטן פויסט דער־לאַנגט זי דאָס די „לאַנגע וואָנצעס" אַ טשמעל אין מאָרדע אריין, אַז דאָס בלוט לאָזט זיך באַלד בלאָ אים פונם מויל.

— ווערסטו וויסן, זאָגט זי, ווי צו באַליידיקן אַ האַרע־פּאַשנע פרוי, און צו אויפרייצן דעם פאָלק קעגן אונזערע סאָוועטן!

די פּויערים זיינען געבליבן פאַרגאַפטע. בא אייניקע זיינען די סעמעטשקעס, וואָס זיינען נאָר־וואָס אריין אין מויל, גע־בליבן אָן באַוועגונג. דער קנאַק האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מויל איז געבליבן אָפן און די אויגן אויס געסטאַרטשעט, ווי אַ דונער וואָלט דאָ פּלוצים אַ קראַך געטאָן אין מיטן העלן טאָג.

דער שרייבער איז אין דער גיך צוגעשפּרינגען, געוואָר ווערן, וואָס טוט זיך דאָ פאַר אַ סקאַנדאַל און פאַנאַנדער נעמען דעם שומנעם עולם. די פּויערים רינגלען אים אַרום און הויבן אָן „טאָלקעווען" פאַר אים די גאַנצע היסטאָריע, ווי זי איז דאָ פאָרגעקומען. יעדערער פון זיי גיט צו זיינע אַ אויס־בעסערונג צום צווייטנס „טאָלקעווען." ווערט דערפון דער טומל נאָך גרעסער. איז ער שוין מוחל די פּויערים זייער טאָלקעווען. לאָזט ער זיי איבער שרייענדיק צווישן זיך און אליין גייט ער צו צום געשלאָגענעם און הייסט אים זיך אויסשווענקען דאָס מויל.

11

אין מיטן אָט דער סומאַטאָכע איז עס חיים בעל עגלה אריין אין סאָוועט. געגיין איז ער אהינצו מיטן געדאנק „זיך צושלאָגן עפּעס צו אַ מדרגה (מאַדרייגע) מיט מענטשן גלייך". די השגה (האַסאָגע) איז שוין, הייסט עס, געווען באַ אים אַ גרעסערע. ווען זיינע פערד האָבן אים אַ פּאַר־חלש'טן אויף דער לאָנקע געבראַכט, איז דאַמאָלט געווען באַ אים די גרעסטע השגה — ער וועט בעטן באַם סאָוועט אַ דערלויבעניש „נעמען אַ ביסל גראָז אויף דער לאָנקע". נאָכער האָבן אים די פויערים צוגעשטופּט צו אַ גרעסערער השגה — ער זאָל טאַקע נעמען באַם סאָוועט אַ היי־מעסער אויך. איצט איז שוין זיין פאַרלאַנג גאָר אַ גרעסערער — ער וויל זיין „מיט מענטשן גלייך".

אין דעם האָט שוין געהאַט אַ חלק זיין חנה רחל זאָל לעבן

אַז ער איז יענעם אָוונט געקומען אהיים, איז שוין געווען אַ זייגער — צען. זיין ווייב חנה רחל האָט שוין פון אַ שטונדע צוריק, געהאַלטן אין איין טראַכטן — „וואָס איז די מעשה, וואָס איר חיים איז נאָך אַזוי שפּעט ניטאָ". אַלע טאָג, ניין אַ זייגער, עסן זיי שוין וועטשערע (אָוונט־ברויט) און היינט איז שוין דער קרופּניק צוויי מאָל פאַרכאַלאַדניעט (קאַלט) געוואָרן, און איר חיים איז נאָך ניטאָ. טראַכט זי שוין איבער: אפשר האָט זי געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס זי האָט אים אין דער פרי דערציילט, אַז דער שפּייז־קרעמער וויל שוין מער ווי היינט ניט באָרגן — קער ער שוין היינט אַרבעטן איבער זיינע כחות.

ווען חיים איז געקומען און זי האָט דערזען די אָנגעפּאַקטע פור מיט פרישע גרינע גראָז, און די הירזשענדיקע פערדלאַך זיינען עפּעס היינט פולבייכיק,— האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זיין זאַמען זיך איז ניט געווען אומזיסט. איין זאַך איז איר יע אַ

ביסל קשה׳דיק — איר חיים זעט היינט אוים צופיל פארטראכט און בלאס. דיינקט זי, אז ער האט היינט מער משא געהאט. בעט זי אים, ער זאל אפלייגן אלע ארבעט אן א זייט און זאל פריער גיין אפ עסן. די קינדער, האט זי שוין פריער אפגע־געבן וועטשערע, זיי האבן געוואלט שלאפן.

שווייגנדיק, טוט איר חיים צוליב. ער פילט זיך אין הארצן שולדיק קעגן איר. ער האט היינט קיין צעבראכענע פרוטה ניט פארדינט, וועט זי דעם שפייז קרעמער ניט האבן צו געבן אויפן חוב. גיט ער זיך אבער צוריק א טראכט: נו, און אזא פור מיט פרישע גרינע גראז — איז הפקר? און דאס, וואס די שטומע נשמות, להבדיל, האבן זיך קיין עין הרע ניט אזוי פיל אנגעגעסן — האט שוין גאר־ניט די ווערט?

עסנדיק דעם ווארימען קרופניק, איז חיים געווארן א ביסל אויפגעמונטערט און קרעפטיקער. קומט אים אויף א געדאנק, אז דער שפייז־קרעמער קען מען מפיס (מעפאיעס) זיין. ער וועט אים גאנץ פרי צו פירן אביסל פרישע גרינע גראז, ער האט דאך א בהמה, וועט עס בא אים ווערט זיין מי יודע וואס. וועט ער צו ווארטן נאך א פאר טעג. די וועלט גייט ניט אונטער.

חנה רחל באמערקט, ווי חיים טוט א שמייכל. וויל זי וויסן, וואס איז די מעשה. דערציילט ער איר אלעס, וואס עס האט היינט מיט אים פאסירט, ווי ער האט בא זיך פעסט באשלאסן, גיין מארגן אין סאוועט. ער וויל זיי בעטן, מען זאל אים געבן א היי־מעסער און א דערלויבעניש צו באנוצן זיך טאקע מיט די גראז פון אט דער לאנקע.

חיים פילט זיך, ווי עס וואלט אים אראפ א שטיין פונם הארצן. זיין חנה רחל איז דאך א גוטע נשמה, וועט זי פאר־שטיין, אז כאטש ער האט היינט קיין געלט ניט געבראכט, האט

ער הײנט אויף געטאָן אַזעלכעס, וואָס האָט די וועלט מער ווי געלט.

א שאלה, צי זי פאַרשטייט? וואודאי פאַרשטייט זי.

— זי האָט נאָך לײנגער — זאָגט זי — געטראַכט, אפשר וואָלט געווען א סברה, אויס צו בײטן די טרעגערישע פּרנסה אויף א בעסערע. זי זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד — אויך מיר א פּרנסה! נאָר וואָס דען, כל זמן ס'האָט זיך געצויגן, ווי ס'ניט איז, דאָס שטיקל ברויט, ווילט זיך דאָך ניט אויס־גיסן קיין אומריינע וואַסער, ביז ס'ניטאָ קיין ריינע. אָבער, אַז ס'האָט זיך שוין יע אַזוי געמאַכט, זעט זי דאָך, אַז אַזוי איז דער ווילן פון זײן ליבן נאָמען. אפשר איז אַזוי באַשערט, אַז די שטומע נשמות, להבדיל, זאָלן זיין די גוטע שליחים, איר מזל זאָל זיך שוין פון הײנט אָן אָנהויבן פאַרבעסערן. זי האָלט נאָר, אַז אויב שוין יע גיין אין סאָוועט, האָרף מען בא זיי בעטן עפּעס מער, ווי אַביסל גרינע גראָז און א היי־מעסער.

— וואָס, למשל? — פרעגט חיים מיט צופרידנקייט און מיט שרעק. צופרידן איז ער, וואָס זיין חנה רחל איז צופרידן. ער שרעקט זיך אָבער, אַז זי זאָל דאָ חלילה ניט איבער כאַפּן די מאָס.

— אָט, כ'וויים? — ענטפערט זי — א שטיקל פעלד צו פאַרזייען א בוריקל, א ציבעלקאַלע, א רעטאַכל, א אוגער־קאַלע. ס'איז דאָך אַלץ אַזעלכע זאַכן, מיט גאָלד גלײך. די גויעם ווערן דאָך נתעשר.

חיים זיצט און קוקט איר גלײך אין מויל אַרײן, ווי פון דאָרטן וואָלטן זיך איצט געשאָטן, מאַקע ווירקליך, אָט די אַלע גוטע זאַכן. אָך, וואָלט ער זיך מחיה געווען, ווען ער האָט איצט א גרינינקע אוגערקאַלע, צובראָקט מיט א פּריש רעטאַכל.

— צי אפשר גאָר אַ סאַד (אַ פּרוכט־גאָרטן) — דערמאָנט זיך חנה רחל — דערפון קען מען אויך האָבן פּרנסה, מיט מענטשן גלייך.

— ע, טע — טע! — שלאָגט איר חיים איבער — ביזט שוין גאָר אַוועק גאַנץ ווייט. ווערסט שוין טאַקע באַלד וועלן אייגענע קאָרן און ווייץ? און פאַרוואָס טאַקע ניט גערשטן און האָבער פאַר די פערדלאַך?

חנה רחל ווערט שעמעוודיק רויטלאַך, און צעלאַכט זיך. חיים טוט זיך אַ כאַפּ פונם אָרט: „מען דאַרף דערווייל גיין אויסשפּאַנען די שטומע נשמות, להבדיל". חנה רחל העלפט אים אַריין נעמען דאָס גראָז אין שטאַל. מיטן גאַנצן אָטעם ציט זי אין זיך דעם פרישן ריח פונם גרינעם גראָז, און אַלע מאָל חזר׳ט זי איבער דאָס וואָרט „אַ מחיה."

אויף מאָרגן אין דער פרי, אַז ער האָט גענומען גיין אין סאָוועט, זאָגט זי אים אָן:

— הער זשע צו, חיים! כ׳האָב זיך איבער געטראַכט, אַז אין סאָוועט זאָלסטו זאָגן פּשוט און פּראָסט: „מיר ווילן זיין זעמלעדעלצעס (ערד אַרבעטער) מיט מענטשן גלייך".

12

אַז חיים בעל עגלה איז דאָ אַריינגעקומען אין סאָוועט און האָט דערזען פאַר זיך אַזאַ געפּילדער און געשלעג, איז ער אינגאַנצן אַ צעטומולטער געוואָרן. גלייך איז אים אַרויף אויפן געדאַנק זיין חנה רחל׳ס ווערטער — „מיט מענטשן גלייך." ניט וויסנדיק, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט אים די סביבה אויסגעזען זייער פריקרע. שטייט ער אַזוי אין מיטן געזעמל און — גאָר־ניט. זיין שטיין און זיין קוקן איז געווען אַזוי

אָן אַ טעם און אָן אַן אינהאַלט, אַז זיין איינציקער גליק איז געווען, וואָס די פויערים זיינען איצט געוועז פאַרנומען מיט אַנ'אַנדער טשיקאַווע היסטאָריע, האָבן זיי אים ניט באַ־מערקט. אין דער פּאַזע, וואָלט ער געווען פאַר זיי אַ גאַנץ פיינער לצנות מאַטעריאַל.

דער שרייבער האָט שוין דאָס קריגערישע פּאָרל פאַנאַנדער גענומען, און לאָזט זיך צוריק צו זיין טיש. באַלד באַמערקט ער חיים'ן אין זיין פּאָזע, ווערט ער נייגעריק צו וויסן, „וואָס וויל דאָ אַזאַ איד". ער פירט אים צו צו זיין טיש און פרעגט אים, וואָס זיין פאַרלאַנג איז?

חיים פילט זיך גוט מיט דער אויפנאַמע, און אין אַ צעבראָכענעם רוסיש דערציילט ער פאַר'ן שרייבער זיין גאַנצע היסטאָריע, ווי ער מיט זיין כאַדאָבע זיינען איצטער לחלוטין „בעזראַבאָטנע" (אַרבעטס־לאָז), און אַז ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ „זעמלידעלעץ". די גאַנצע צייט הערט אים דער שרייבער, דוקא זייער אויפמערקזאַם. דערהערנדיק אָבער דעם אויספיר, אַז דער איד וויל ווערן אַ ערד־אַרבעטער, איז ער דער־ציטערט געוואָרן.

— וואָס הייסט, אַ זעמלידעלעץ? איז דיין טאַטע געווען אַ זעמלידעלעץ, דיין זיידע אָדער דיין עלטער זיידע? — פרעגט דער שרייבער, כמעט אַ אויפגערעגטער, ווי אַ כירורג, למשל, זאָל זען, אַז אַ איינפאַכער מאַן באַשעפטיקט זיך מיט כירורגי. חיים, ווידער, ווערט גאָר ווינציק נתפעל פון דעם שרייבערס קאָכעניש און ענטפערט אים גאַנץ רוהיק.

— מיין טאַטע, מיין זיידע און מיין עלטער זיידע זיינען דוקא קיין ערד־אַרבעטער ניט געווען, און איך וויל יע זיין אַ ערד־אַרבעטער. ווייסטו פאַר וואָס?

— יע, פאר וואס? — כאפט דער שרייבער א שמייכל און פרעגט שוין מיט נייגעריגקייט.

— ווייל מיין טאטע,— ענטפערט חיים — מיין זיידע און מיין עלטער זיידע האבן געלעבט אין א צארישן רוסלאנד, און איך בין א בירגער פון סאוועטן־רוסלאנד. פארשטייסטו, וואס מען רעט צו דיר?

חיים'ס ענטפער און איבערהויפט זיין פראגע „צי דער שרייבער פארשטייט, וואס מ'רעט צו אים", האט געצוואונגען דעם שרייבער בייטן זיין האלטונג צו אט דעם אידן. זיין אויס־זען האט שוין מער אויסגעדריקט ערנסטקייט, איידער נייגעריג־קייט. פארן שרייבער איז געווארן קלאר, אז דער פאטש, וואס די יונגע פויערטע האט דא געגעבן דעם מאן מיט די וואנצעס, און דער דרייסטער ענטפער פון דעם דאזיקן אידן,— דאס אלעס איז א רעוואלוציאנערער פראדוקט, צו וועלכן מען מוז זיך צו־הערן גאנץ ערנסט.

דער שרייבער איז א מאן פון א יאר פופציק. זינט ער האט אנגעהויבן פארטרעטן א אמט, האט ער געדינט אין דער סמאלענסקער זעמסטווא, בא דער לאנד־ווירטשאפטלאכער אפ־טיילונג. נאך דער רעוואלוציע, האט אים דער סאוועט איבער געלאזט ביי זיין ארבעט, אלס א פאכמאן, ווייל ער האט זיך ערקלערט לאיאל צו דער נייער ארדנונג. זיין ארבעט האט ער אלע מאל אויסגעפילט ערלאך. מ'האט אין אים ניט געקענט באמערקן, ווי בא אנדערע אמט־לייט, א פארבאהאלטענע כונה צו שעדיקן דער רעוואלוציע.

דאך, בא אזא ספעציעלע אידישע פראגע: א איד, א בעל עגלה, זאל זיך ארייננגיין אזוי פריי אין א גוברניאלע קאנ־צעלאריע און פאדערן אזא רעכט, וואס זיינע עלטער־עלטערן האבן דערצו קיין השגה ניט געהאט,— בא אזא אנגעלעגנהייט, האט אים דארט זיין „זעמסקע" הארץ ניט געלאזט א „טובה"

טאָן דעם אידן. בפרט, אז דער ענין האָט, לויט זיין מיינונג, קיין שום שייכות ניט צו דער רעוואָלוציע. דאָס איז אַ פּרי־וואַטער אידישער ענין, אַ איד זוכט פּרנסה, וואָס־זשע פאַר אַ שייכות האָט עס צו רעוואָלוציע? אַ אַנטיסעמיט איז ער אויך ניט. ער וויל נאָר, אַז יעדערער זאָל וויסן זיין אָרט. אַ איד, אַ בעל עגלה קען קיין זעמלידעלעך ניט זיין. און דאָס ביסל לאַנד־ווירטשאַפטלאַכע זאַפּאַס, וואָס דער סאָוועט פאַר־מאָגט, דאַרף פאַנאַנדער געטיילט ווערן צווישן אמת׳ע פּויערים.

אויפ׳ן שרייבערס געזיכט האָט זיך באַמערקט אַ מין צו־פרידנקייט. ער האָט דאָ געכאַפּט, טראַכט ער באַ זיך, דעם אמת׳ן מאָטיוו, אַפּזאָגן דעם אידן אין זיין פאָדערונג. ער טוט אַ רייב אַ האַנט אָן אַ האַנט און רופט זיך אָפּ צו חיים׳ן:

—פאַרשטייסטו, טאָוואַריסטש! דיין ענין איז ניט אַזוי גרינג, ווי דו שטעלסט זיך פאָר. ער איז אַ פאַרפּלאָנטעטער, און ס׳מוז נעמען צייט.

מער ריידן מיט חיים׳ן קען דער שרייבער ניט. ער איז פאַרנומען מיט וויכטיקערע זאַכן, ווי זיך אַוועק שטעלן ריידן מיט אַ אידן, אַ בעל עגלה, וואָס וויל ווערן אַ זעמלידעלעץ.

— אַן השגה פון אַ אידן! ! — טראַכט דער שרייבער, אַפּילו, ווען ער האָט שוין איבער געלאָזן חיים׳ן און טוט שוין איצט זיין לויפנדע אַרבעט.

חיים בעל עגלה גייט נאָך פון דעסטוועגן ניט אַוועק. ערשטנס, איז ער טאַקע פּשוט, פונם שרייבערס ענטפער גע־בליבן ווי מיט אונטער געהאַקטע פיס. עס איז באַ אים צע־רונען געוואָרן אַלע בעסטע האָפנונגען, מיט וועלכע ער איז אַהער געקומען. ער איז אַנטוישט אינם שרייבערס אויפנאַמע. און צווייטנס, וואָס טוט מען טאַקע מכח פּרנסה?

— ווער ווייס, גייט אים איבער אַ געדאַנק, אפשר האָט

ער זיך אַליין קאָלי געמאַכט מיט דעם, וואָס ער האָט איבער געצויגן די סטרונע. ער האָט מער ניט געדאַרפט בעטן, ווי ער האָט גערעכנט גאָר אין דער התחלה — פּאַשע פאַר די פערד און אַ היי־מעסער. זאָל ער איצטער דאָס בעטן? איצט קען ער שוין ניט. ער זעט דאָך, אַז דאָס מאָל איז שוין פאַרפאַלן. איצט וועט ער מיטן שרייבער גאָר־ניט מאַכן. אָבער, ווי גייט מען עס מיט ליידיקן אַזוי אַ היים? און באַשליסט בא זיך, אַז פון דאַנען גייט ער גלייך אַוועק אין „יעווסעקציע."

13

ווענן דער יעווסעקציע האָט חיים בעל עגלה געהערט אָפּט־מאָל, בא די פאַרזאַמלונגען פון אָרטיקן פאַרבאַנד פון די אידי־שע האַרעפּאַשנע מאַסן „סעטמאַס." בא געוויסע שוועריגקייטן, וואָס דער „סעטמאַס" פלעגט אַמאָל האָבן, ווען ער האָט גע־דאַרפט עפּעס פועל'ן אין אַ רעגירונגס אַנשטאַלט, האָט חיים גע־הערט, אַז די יעווסעקצע האָט געגעבן אַ צושריפט דאָרט, וואו מ'האָט געהאַרפט און די שוועריגקייטן זיינען באַזייטיקט געוואָרן.

איז דערפאַר בא אים קיין ספק ניט געווען, אַז דער איינ־ציקער, וואָס קען אים אצינד העלפן אין זיין נויט, איז נאָר די יעווסעקציע. ווייסט ער אָבער ניט איר אַדרעס. זאָל ער צו גיין אין „סעטמאַס" און דאָרטן נעמען דעם אַדרעס — האָט ער מורא, אַז דאָרטן וועלן נאָך אַזעלכע אַרבעטס־לאָזע אידן ווי ער געוואָר ווערן, אַז ער כלאָפּאָטשעט אין סאָוועט צו באַ־קומען לאַנד, וועלן זיי אויך אָנהויבן גיין אַהי'ן, און אַזוי ווי קיין סך פרייע לאַנד אַרום סמאָלענסק איז דאָך מסתמא ניט פאַראַן, וועט אים אָנקומען אַ קלענערער חלק.

האָט ער לכתחילה געוואָלט אינגאַנצן אויסמיידן דעם „סעטמאַס“ און זיך ווענדן גלייך אין יעווסעקציע. דאָרט וועט ער דאָך ניט טרעפן קיין געוועזענע הענדלער, קרעמער אָדער אפילו בעלי עגלה׳ס, וועט אים קיינער ניט שטיין אין וועג.

ווי אַזוי זשע קען ער געוואָר ווערן דעם אַדרעס פון יעווסעקציע, אויב ניט דורכן „סעטמאַס“? דערטראַכט ער זיך צו אַזאַ עצה: אַזוי ווי די יעווסעקציע איז דאָך אומעטום פול מיט זייערע אידישע אַפישן און בלעטער אויף די ווענט, דאָרט איז דאָך געווים אָבגעדרוקט זייער אַדרעס.

דערווייל, גייענדיק אַזוי, באַגעגנט ער אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָרטפעל אונטערן אָרם און גייט אַזוי איילנדיק. אַרבעט, טראַכט ער, פעלט דאָך ניט אָט דער חברה. קענטיק, אַז ער האָט באַ „זיי“ ערגיץ אַ שטעלע. ער ווייסט מסתמא אויך דעם אַדרעס פון דער יעווסעקציע, דאַרף מען אים אַ פרעג טאָן. שאַדטן קען דאָך עס ניט.

דערזעט דער יונגערמאַן מיטן פּאָרטפעל, אַז אַ איד מיט אַ פאַרלאַטעטן בגד קוקט אַזוי אויף אים, וואַרט ער ניט און טוט באַ אים אַ פרעג:

— וואָס האָט איר עפּעס געוואָלט, רעב איד?

חיים׳ן איז ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. גאָר אַ קלייניגקייט? מיט וויפיל כח וואָלט ער זיך געדאַרפט אָננעמען, ביז ער וואָלט זיך איינגעשטעלט, אַ פרעג טאָן זיין פראַגע באַ אַן אומבאַקאַנטן מאַן. דער מאַן שטייט דאָך דערווייל ניט אויף איין אָרט. ביז ער, חיים בעל עגלה, וועט סמייען אים עפּעס פרעגן — איז ער שוין אַוועק. הייסט עס, אַז ער וואָלט געדאַרפט האַלטן אין איין נאָכגיין נאָך אים. ס׳איז אַ פיינע שטיקל אַרבעט. דאַ, אַז ס׳האָט אים אַזוי אָפּגעראַטן און דער יונגערמאַן האָט נאָך אים פריער „זאַטשעפּעט“, און נאָך טאָקע

אויף א פשוט'ע מאמע־לשון — איז דאך ניט שייך, ווי גליק־לאך ער איז.

דער יונגערמאן דערקענט אויף חיים'ס געזיכט אן אוועק־גייענדיקן שרעק־צווייפל און א אַנקומענדיקע צופרידנקייט, ווערט ער צו אים נאָך מער צוגעלאָזן. נעמט ארויס א פאפיראס, פארריכערט און גיט אויך חיים'ן צו רויכערן און בשעת מעשה פרעגט ער אים נאָך אמאָל:

— איר האָט עפעס געוואָלט פרעגן?

דאָ באקומט שוין חיים בעל עגלה איינגאנצן זיין פּאַרציע מוט, וואָס ער דארף האָבן צו אזא שטיקל ארבעט און הוסטנדיק מיט א שמייכל, אָדער שמייכלענדיק מיט א הוסט, רופט ער זיך אָפּ צום יונגען מאן:

— עפעס זיינט איר מיר זייער קענטיק!

דער יונגער מאן האָט טאקע זייער קיין צייט ניט, דאָך ווערט אים דער ענין געפעלן: ער שטעלט זיך אומישנע אָפּ, כדי ארויס פירן אזא אידן פון א געוויסע פארלעגנהייט. צום סוף, ווייזט זיך ארויס, אז דער איד איז פשוט א ליידיק גייער. ער קער ניט האָבן וואָס צו טאָן, דרייט ער זיך ארום איבער סמאָלענסקער גאסן און זוכט באקאנטשאפט. . . .

זאָל ער אים איבער לאָזן און אוועק גיין? דאָס קען ער ניט טאָן. ער קאָן דאָך אזעלכע אידן. מעגלאך, אז ער דארף טאקע עפּיס נויטיקס געוואָר ווערן, דאָך קען ער זיין פראגע ניט פרעגן אָן אזא הקדמה (א טיפּיטשנע אידישע) אקוראט, ווי אין אזא צופאָל קען ער אין אלגעמיין ניט אָנהויבן ריידן, ביז ער טוט פריער ניט א הוסט מיט א שמייכל.

— וואָס קען מען טאָן? — טראכט זיך דער יונגער מאן מיטן פארטפעל — אזוי זיינען זיי אָט די דאָזיקע עלעמענטן פון דער מאסע. ניט אומזיסט זיינען זיי געוואקסן און ער־

צויגן געוואָרן אונטער א דאָפּלטן דרוק, סיי פון אינווייניק — די אידישע פינסטערע סביבה און סיי פון דרויסן — די צאַרישע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. קוקט ער אויף אים מיט א מילדן שמייכל און ענטפערט אים:

— עס מאַכט זיך אַמאָל, ס'קען זיך אויסווייזן. האָט איר, הייסט עס, גאָר־ניט וואָס צו פרעגן?

ערשט איצט האָט חיים בעל עגלה אינסטינקטיוו דערפילט, אז מער מאָרודין טאָר ער דאָ ניט. באשר יענער איז אזא צו־געלאָזטער מענטש, שטעלט זיך אָפּ אין מיטן וועג און רעדט מיט דיר אזוי פריינדלאַך, מעגסטו אים שוין טאַקע אזויפיל פאַרהאַלטן? און פיליכט פאַרהאַלטסטו אים נאָך אין א „וואזשנעם" גאַנג? זעסט דאָך, אז ער טראָגט א פּאָרטפעל.— אזוי מוסר'ט חיים'ן א גדאַנק. כאַפּט ער אין דער גיך נאָך אַמאָל א הוסט שמייכלענדיק און זאָגט, קוקנדיק גלייך דעם פּאָרטפעל אין קנעפּל אריין:

— טאַקע. . . כ'האָב א באַקאַנטן, זעט ער אוים פּונקט ווי איר.— יע, כ'האָב אייך געוואָלט פרעגן, צי ווייסט איר אפשר ניט דעם אדרעס פון יעווסעקציע?

— קומט, איך גיי אהין! — ענטפערט אים דער יונגער מאַן קורץ און נעמט זיך גיין. ניט ווילנדיק גיין מיט אים איינ־איינעם, כדי קיין אַנדערער פון אַזעלכע אַרבעטסלאָזע ווי ער זאָל עפּעס זיך ניט אָנשטויסן. . . איז חיים בעל עגלה גע־גאַנגען אָן א זייט, ביז ער איז צוגעקומען צו א הויז, וואו דער יונגערמאַן איז מיט אים אריין געקומען.

פאַרביי גייענדיק א קאָרידאָר מיט א סך טירן און אויף די טירן צוגעקלאַפּטע ווייסע טאָוולען מיט געדרוקטע ווערטער, האָט אים דער יונגערמאַן צוגעפירט צו א צימער, וואו אויף

דעם טיר־פענסטער פון אינווייניק איז געווען אָנגעקלעפּט א ווייסער פּאַפּיר מיט א אויפשריפט „אידישע סעקציע ר. ק. פּ."

אינם מעשענעם הענטל פון טיר איז געווען אריינגעשטעקט א צונויף געלייגט שטיקל פּאַפּיר. דער יונגערמאַן מיטן פּאָרטפעל נעמט עס אַרויס און דרייט מיטן קאָפּ אָן עברה־דריי,— עס טוט אים באַנק, הייסט עס, וואָס ער האָט אביסל פארשפעטיקט. ארויס נעמענדיק דעם זייגערל קוקט ער אויפן ציפער־בלעטל און רעט צו זיך אַליין:

— אך, אינגאַנצן פינף מינוט.

חיים פילט זיך, ווי שולדיק אינ'ם יונגעגמאַן'ס פאַרשפּע־טיקן און מיט א קוק פון „עפּעס ווען מיטהעלפן", האַלט ער אין איין קייען זיין שפּיץ באָרד.

דער יונגערמאַן לייגט צוריק אריין זיין זייגערל אין דער אויבערשטער קעשענע פון זיין רעקל. ער לייגט אַריין זיין רעכטע האנט אין דער הויזן־קעשענע פון דער רעכטער זייט, און נעמט זי ארויס א ליידיקע. נעמט ער מיט דער רעכטער האנט דעם פּאָרטפעל פון אונטערן לינקן אָרם, די לינקע האַנט לייגט ער אריין אין דער קעשענע פון דער לינקער זייט און נעמט פון דאָרטן ארויס א שליסל. שליסט אויף די טיר און, אריין לאָזנדיק פריער חיים'ן, גייט ער אריין אינווייניק און פארמאַכט די טיר נאָך זיך.

חיים פאַרשטייט שוין, אז דער יונגערמאַן איז טאַקע איינער פון דאַנען. מיט אים וועט ער עס דאַרפן ריידן, וועגן זיין ענין. איז ער דערפון זייער צופרידן. עס האָט אים עפּעס אַזויפיל געראָטן. ממש געקומען אין די הענט אריין, און קיינער פון אַזעלכע ארבעטסלאָזע ווי ער, שטייט אים דאָ ניט אין וועג.

דער יונגערמאַן גייט צו צו א טיש, וואו עס ליגן א סך צייטונגען, רוסישע, אידישע און אַנדערע, סיי היגע און סיי

פון אויסלאַנד. ער לייגט אוועק דעם פּאָרטפעל אויפן טיש און, אָנווייזנדיק חיים'ן אַ ביינקל צום זיצן לעבן טיש, זאָגט ער אים:

— נו, איצט דערציילט!

חיים פילט, אַז על פי מענטשלאַכקייט דאַרף ער באַגיטיקן דעם יונגענמאַן פאַר דעם, וואָס ער האָט דורך אים, דורך חיים'ן פאַרשפּעטיקט קומען אין „קאַנצעלאַריע". טוט ער אים אַ פרעג:

— פאַרשפּעטיקט אַביסעלע?

— יע! איר ווייסט דאָך. באַ אונז מוז יעדער מינוט זיין אויסגערעכנט. — ענטפערט דער יונגערמאַן און דאָס האָט שוין געקענט זיין אַ אָנצוהערעניש, אַז ס'וואָלט ניט געשאַדט, אַז חיים זאָל שוין אָנהייבן באַלד וועגן זיין ענין.

חיים האָט דאָ איצטער געפונען די געלעגנהייט פון באַגי־טיגונג און רופט זיך אָפּ:

— כ'וועל זיך סטאַרען צו מאַכן וואָס בקיצור'ער.

כאָטש חיים האָט גוט באַ זיך געוואוסט, אַז דער יונגער־מאַן איז פון דער יעווסעקציע, האָט ער פון דעסטוועגן געוואָלט זיין נאָך זיכערער. טוט ער דערווייל אַ פרעג:

— איר זיינט עם פון יעווסעקציע? — און אַז ער האָט באַקומען אַן ענטפער: „יע", האָט ער אָנגעהויבן אוים צו גיסן זיין ביטער האַרץ און פאַרענדיקט:

— פריער גאָט און דערנאָך איר קענט מיר איצטער אַרויס העלפן, איך זאָל ווערן מיט מענטשן גלייך.

זיין סיפור המעשה האָט באַ חיים'ן געדויערט אַ היבשע ביסל צייט. איבערהויפּט, אַז דאָ אין יעווסעקציע פילט ער זיך ווי אין דערהייט. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט דערציילט, האָט דער יונגערמאַן אַפילו איינמאָל דאָס זייגערל ניט אַרויס

געגומען, כדי צודערמאָנען, אַז די צייט שטייט ניט. און היינט — די מאַמע־לשון.

— רבונו של עולם! ס'דאָך ממש אַ חיות אין די ביינער. קומסט אַריין און רעדסט אויף דיין מאַמע־לשון, און מ'הערט דיך אויס ווי אַן אייגענער ברודער. — אַזוי טראַכט אַליין באַ זיך חיים בעל עגלה, ווען ער רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע, בשעת דער טעלעפאָן האָט אָנגעקלונגען און דער יונגערמאַן האָט געמוזט ענטפערן. איצטער נעמט שוין דער יונגערמאַן יע אַרויס זיין זייגערל און זאָגט צו חיים'ן.

— איך ווייס שוין אַלעס, נאָך מער ווי איר האָט מיר דערציילט. איר זעט וויפיל דער זייגער האַלט? כדי איך זאָל עפּעס קענען טאָן פאַר אייך, מוז איך שוין גיין. אַז ניט — וועלן מיר פאַרשפּעטיקן דעם פאַרוואַלטער פון „זעמאַטדיעל."

באַ חיים'ן שטעלן זיך פאַר פרייד טרערן אין די אויגן. ער וויל דעם יונגענמאַן כאַפּן באַ דער האַנט, קושן זי און אים דאַנקען פאַר זיין גוט אידיש האַרץ. איז שוין אָבער דער יונגערמאַן ניטאָ באַם טיש. ער האָט זיך גיך אויפגעהויבן פון זיין ביינקל און, הייסנדיק חיים'ן אַ מינוטקעלע זיצן, איז ער באַלד אַוועק אין צווייטן צימער איבערן קאָרידאָר.

14

חיים בלייבט דאָ זיצן אַליין. קוקט זיך אַ ווײַלע אַרום און רייבט זיך מיט די הענט איבער די טרערנדיקע אויגן. מיט אַמאָל טוט ער זיך אַ שטעל אויף פונם ביינקל און, אויפהויבנדיק די הענט אין דער הויך, שעפּטשען זיינע ליפּן:

— אַ דאַנק דיר, טאַטע זיסער, פאָטער אין הימל!

אַוועק זעצנדיק זיך צוריק אויפ'ן ביינקל, הויבט ער זיך

ערשט אָן פאַנאַנדער קלייבן, ווי דער אויבערשטער פירט עס אַלץ מיט אים לפנים משורת הדין. און ווי שיין דאָס וועט זיין, אַז ער וועט נאָך היינט קומען אַ היים און וועט ווייזן זיין חנה רחל׳ן זאָל לעבן, אַ רעזאָלוציע פון סאָוועט. וואָס׳ר אַ פרייד, וואָס׳ר אַ שמחה ס׳וועט עס ווערן אין אַלע ווינ־קעלאַך. גאָט און לייט וועלן דאָך אים מקנא זיין.

— ערשט דאַמאָלסט, טראַכט ער זיך, וועט ער עס אָוועק גיין אין „סעטמאַס" און וועט אַלעס דערציילן. אַ ניט, וויל ער דען חלילה ניט, אַז דער אויבערשטער זאָל העלפן אַלע אַנ־דערע אַרבעטסלאָזע אידן, דער סאָוועט זאָל זיי געבן לאַנד און זאָלן זיך אָנהויבן לעבן מיט מענטשן גלייך? דער אויבערשטער ווייסט אָבער דעם אמת, ער האָט אַנדערש ניט געקענט טאָן, ווי ער האָט דאָ איצט געטאָן.

ווען, ער זאָל, למשל, ניט געווען גיין אַליין, נאָר דורכן „סעטמאַס", וואָלט דאָך דער „סעטמאַס" גע־טענה׳ט פאַרן גאַנצן כלל, פאַר די געוועזענע קרעמער און הענדלער, אַז מ׳זאָל זיי אַלעמען געבן לאַנד. וואָס־זשע וואָלט דערפון געוואָרן? גאָר־ניט מיט גאָר־ניט! ער איז דאָך געווען היינט אין סאָוועט, האָט ער דאָך געזען, וואָס ס׳טוט זיך. וואָלט מען געוויס געווען דעם „סעטמאַס" אָפּגעזאָגט, און קיינער וואָלט ניט געהאָלפן געוואָרן.

אַזוי, אַז ער אַליין איז געגאַנגען, וועט ער שוין מיט׳ן אויבערשטנס הילף יע באַקומען לאַנד. זיי ווייסן דאָך פאָרט, אַז אַ בעל עגלה איז ניט קיין פאַראַזיט, אַ בעל עגלה איז אַן אַרבעטער, גלייך ווי אַלע אַרבעטער. האָרעוועט זייער שווער און ביטער אויף זיין שטיקל ברויט. איצט אַז באַלעגאַלעריי איז געוואָרן אויס, וועלן זיי געוויס אַריין אין זיין לאַגע און וועלן אים שוין „יאַקאָם ערגיץ פרידילען אַ אוטשאַסטאָק לאַנד."

וואס־זשע וועט זיין? — טראכט ער ביי זיך — ערשט דאמאלסט, אז דער סאוועט וועט אים שווארץ אויף ווייס ארויס געבן לאנד און אלע אנדערע כלי זיין, ערשט דאמאלסט וועט שוין זיין גרינגער אויך דעם „סעטמאס" אן ארבעט טאן פאר אלע אידן, וואס ווילן זיך נעמען צו ערד־ארבעט. דא־מאלסט וועט שוין אפילו ניט מעשייען, וואס זיי זיינען אמאל געווען קרעמער אדער הענדלער. ס'פארט אנדערש, אז עמיצער קומט און ברעכט דורך א וואנט.

בא חיים'ן איז פעסט באשלאסן, אז אדרבה, ער טוט דוקא אצינד דאס בעסטע פאר אלע אידן ארבעטסלאזע. און טאקע בזכות זו, וועט אים דער אויבערשטער העלפן, אז אלעם וועט היינט גיין אין סאוועט „מיטן פוטער ארויף."

פאר פרייד הויבט ער די הענט מיט א תפלה:

— אך, רבונו של עולם, העלף! העלף! דו ביזט דאך אן אב הרחמן! דו. . . .

איבער געשלאגן. די טיר האט זיך אן עפן געטאן. עס איז עמיצער אריינגעקומען, איז חיים אנשוויגן געווארן, און איז כמעט ווי פארשעמט געווארן.

— דא איז דאך ניט קיין בית מדרש, טראכט ער זיך, אדער, להבדיל באלף הבדלות, א קעלני, וואס מ'זיצט זיך און מ'זינגט זיך אויס א תפלה'לע, ווי אויף'ן הארצן איז. מ'דארף דאך פארט וויסן, וואו־איין און וואו־אויס. בפרט איצטער, אז ער ווערט שוין א זעמלעדעלעץ, מירטשישעם, דארף ער דאך שוין אודאי וויסן יעדער זאך אין זיין צייט. זומער, איז זומער און ווינטער, איז ווינטער.

דא הויבט אן בא חיים'ן ארבעטן די פאנטאזיע, וואס ער וועט טאן זומער, און וואס ער וועט טאן ווינטער. זומער שטייט ער זיך אויף כאור הבוקר, נאר־וואס ס'הויבט אן

זשאַריען אויף טאָג. אַלע שלאָפן נאָך. די פויגעלאַך האָבן זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אָנגעהויבן פּישטשען זייער „מודה אני." שטעלט ער זיך אַוועק דאַוונען. דאָס איז דאָס ערשטע. ראשית חכמה יראת השם. נאָכער נעמט ער זיך אָנפּויען די פערדלאַך. . .

— אַ געזונט אויף זיי! — קומט אים אָן אַ נייע מחשבה — די פערדלאַך! אַ לעבן אויף זיי, אָט די שטומע נשמות, להבדיל. ווען ניט זיי, וואָלט איך דען דאָ איצטער געווען, אָט דאָ אין יעווסעקציע?

דער געדאַנק אַרבעט איצט באַ חיים'ן, ווי פּייל אויסן בויגן. איין געדאַנק פירט צו צו אַ צווייטן, אַ צווייטער צו אַ דריטן. אַזוי קייטלען זיך באַ אים די געדאַנקען, ביז די טיר האָט זיך צום צווייטן מאָל אָן עפן געטאָן זייער האַסטיק און דער יונגערמאַן איז צוריק אַריין געקומען.

15

חיים האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין ביינקל, ווען ער האָט דערזען דעם יונגענמאַן אַריין קומען. דער יונגערמאַן האָט זיך אָבער אויך ניט אַוועק געזעצט. שטייענדיק אַזוי לעבן חיים'ן מיט אַפּאָר אָנגעשריבענע אויף אַ מאַשינקע פּאַפּירן, ווייזט ער אים אָן:

— אָט זעט איר, חבר, דאָ האָט איר צוויי פּאַפּירן. איינער איז געשריבן אין אייער נאָמען און איין פּאַפּיר שרייבט עם די יעווסעקציע אין איר נאָמען.

ער ווייזט אים אויף אָן אָרט אינם ערשטן פּאַפּיר, וואו ער, חיים, דאַרף זיך חתמ'ענען. חיים שרייבט אונטער זיין

נאָמען אין אידיש און בעט דעם יונגענמאַן, ער זאָל אים איבער לייענען וואָס אין די פּאַפּירן „שטייט געשריבן."

דער יונגערמאַן לייענט אים איצט צום ערשטן די מעלדונג, וואָס חיים האָט נאָר־וואָס אונטער געשריבן. דאָרטן שרייבט זיך, אַז חיים בעל עגלה, וואָס האָט די גאַנצע צייט געלעבט פון אייגענער פּראַצע, בעט דעם סאָוועט, ער זאָל אים אויס־טיילן אַ שטח לאַנד „אין די גרענעצן" פון סמאָלענסק, צו פּאַרפירן אַ לאַנד־ווירטשאַפט.

גלייכצייטיק בעט ער אַ אַקער־אייזן, אַ באָראָנע, אַ היי־מעסער, פינף פּוד תבואה און צען פּוד קאַרטאָפל צום פאַרזיי־ען. באַם ערשטן גערעטעניש איז זיך חיים מתחייב אומצוקערן די אָנגעוויזענע צאָל תבואה און קאַרטאָפל, וואו זעמאַטדיעל וועט אָנווייזן.

— אודאי, מיטן אויבערשטנס הילף, אומקערן! נאָך מיט אַ גרויסן תשואת חן. נאָך געבן, מירטשעשעם, אַ מתנה, אַ פּאָר פּודלאָך קאַרטאָפל פאַר הונגעריקע! — האַלט אונטער חיים, ווען ער הערט, וואָס איז געשריבן אין זיין מעלדונג צום סאָוועט.

— דער צווייטער פּאַפּיר, זאָגט דער יונגערמאַן, איז שוין אַ פּאַרטיינער. די פּאַרטיי ווייזט אָן דעם סאָוועט אויף די באַ־שליסן פון צעקאַ פּאַרטיע און פון טאָוונאַרקאָם, אַלס ענטפּער אויפן מעמאָראַנדום פון „סעטמאַס" אין מאָסקווע, וועגן מיט־העלפן די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסן אין זייער איבערגאַנג צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויפ'ן געביט פון אינדוסטרי אָדער לאַנד־ווירטשאַפט.

אויף דעם דאָזיקן סמך לייגט פאַר די אידישע סעקציע ער קאַ פּע, אַז דער זעמאַטדיעל פון סמאָלענסקער סאָוועט, זאָל באַפרידיקן דעם פאַרלאַנג פון בירגער חיים זאַלמאַנאָוו פורמאַן, אין זיין מעלדונג, וועלכע ווערט צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן

צושריפט איבער געשיקט צום זעמאַטדיעל פון סמאָלענסקער סאָוועט.

חיים הערט און פאַר פרייד שטייען אים טרערן אין די אויגן. ער שרעקט זיך אָבער נאָר דערפאַר, וואָס ער אַליין וועט דאַרפן גיין אין סאָוועט. טאָמער וועט אים דער שרייבער ניט אַריין לאָזן צום פאַרוואַלטער.

אייביקע עולם הבא ווינטשעוועט ער דעם יונגענמאַן, ער זאָל שוין די מצוה טאָן בשלמות און טאַקע זיך אַליין מטריח זיין מיט אים אין סאָוועט. וויפיל דאַרף עס דען געדויערן?

דער יונגערמאַן גיט אים אָבער צו פאַרשטיין: ערשטנס, איז ער זייער פאַרנומען און צווייטנס, איז זיין גאַנג אין סאָוועט אינגאַנצן איבעריק. ווען בא יעדער שטיקל פאַפיר, וואָס ס'ווערט אַרויס געשיקט פון אַ קאַנצעלאַריע, זאָל טאַקע דער באַאמטער, וואָס שרייבט עס אונטער, אַליין דאַרפן דער־מיט מיט גיין, פאַרשטייט איר דאָך, וואָס'ר אַן אָרדנונג דאָס וואָלט געווען. איך פאַרזיכער אייך, חבר, אַז ס'איז גענוג.

אַזוי טענה'ט אַלץ איין דער יונגערמאַן מיט חיים'ן. חיים, פון זיין זייט, ווינטשעוועט דעם יונגענמאַן, ער זאָל נאָך זוכה זיין פאַרן אַנטקעגן משיח'ן. דאָך בעט ער אים, ער זאָל זיך אַליין מטריח זיין. דער יונגערמאַן כאַפּט אַ קוים אָנזעעדיקן שמייכל (ווייזט אויס, אַז ער פילט זיך צופרידן מיט חיים'ס ברכות) און זאָגט אים:

— ווייסט איר וואָס?

חיים האָט קיין צייט ניט און וויל שוין וויסן. כאַפּט ער באַלד אונטער:

— יע, וואָס?

— אָט וועל איך, זאָגט דער יונגערמאַן, אָנקלינגען צום

פּאַרוואַלטער אַליין, ווען זיין פּונקט ווי איך אַליין וואָלט געגיין מיט אייך.

און נאָך איידער חיים האָט געעפענט דאָס מויל, עפּעס צו זאָגן, האָט שוין דער יונגערמאַן געהאַלטן דעם טעלעפאָן רערל אין האַנט און האָט שוין געקראַגן דעם נומער פון פּאַר־וואַלטער פונם זעמאַטדיעל.

דער יונגערמאַן בעט דעם פּאַרוואַלטער, ער זאָל באַלד זאָגן דעם שרייבער, אַז אויסער דעם אַטשערד זאָל ער צו אים אריין לאָזן אַ שליח פון יעווסעקציע.

חיים האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן מלא שמחה. ער וויל אָבער נאָך פרעגן דעם יונגענמאַן, פאַר וואָס האָט ער שוין פאַר איין וועגס ניט געבעטן דעם פּאַרוואַלטער, ער זאָל באַלד באַפרידיקן די בקשה, וואָס מ'בעט אים?

צעלאַכט זיך דער יונגערמאַן:

— גייט שוין גייט, בא אונז בעט מען ניט! מיר האָבן איינמאָל אָנגעשריבן, איז גענוג. איר וועט זען, ווי אַלעס וועט זיין גוט.

—הלואי, אָמן, רבונו של עולם! — האָט חיים צוגעגעבן. אָנגעווינשעוועט ווייטער אַ מאָל דער יעווסעקציע, זי זאָל דער־לעבן משיח'ן און, זאָגנדיק אַ גוטן־טאָג — אַ גוטן־תמיד, איז ער אוועק צום פּאַרוואַלטער.

16

צום פּאַרוואַלטער איז ער דאָס מאָל צוגעקומען אָן קיינע שוועריגקייטן. ווען ער האָט זיך איצט נאָך אַמאָל געטראָפן מיט דעם זעלבן שרייבער, מיט וועמען ער האָט היינט אין דער פרי זיך דורך געשמועסט, האָט ער געהאַלטן דעם פּאַפּיר פון

יעווסעקציע אין קעשענע. איבערגעקוקט האָבן זיי זיך אויף אַזאַ אופן: דער שרייבער טוט אַ דויב מיטן קאָפּ און אַ פינטל מיטן אויג — „אהא ער איז שוין ווייטער דאָ"! און חיים האָט אים אָנגעקוקט תמ'עוואַטע — אין שפּראַכליכע ווערטער וואָלט עס געזאָגט — „איך הער דיך פאַר אַ זעקסער"!

די שטומע אָבער אויגן־רעדעווודיקע באַגעגעניש האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ קליינע סעקונדע, ביז חיים האָט אַרויס גענומען דעם פאַרקלעפּטן פּאַפּיר פון יעווסעקציע. חיים ווייזט אים דעם קאָנווערט מיט דער זייט, וואו דער שטעמפּל פון יעווסעקציע איז פאַראַן. דער שרייבער האָט נאָר אַ קוק געטאָן איבערן שטעמפּל, ווייזט ער חיים'ן די טיר צום פאַרוואַלטער. חיים כאַפּט נאָך אַמאָל אַ קוק אויפן שרייבער און גייט זיך זיין וועג.

דאָרט, באַם פאַרוואַלטער, איז אים אויך אויס געקומען מער הערן ווי ריידן. נאָר־וואָס ער האָט איבער געגעבן די פּאַפּירן און דער פאַרוואַלטער האָט זיי איבערגעליינט, האָט באַלד דער פאַרוואַלטער גענומען דעם טעלעפאָן־רערל און געבעטן דעם נומער פון פאַרטקאָם. ווען מען האָט אים געענטפערט, אַז דער טעלעפאָן איז פאַרנומען, האָט ער נאָר באַ חיים'ן אַ פרעג געטאָן: „דאָס זיינט איר טאַקע חבר פורמאַן"? און מער קיין וואָרט ניט גערעט.

אַז ער האָט געקראָגן דעם נומער, האָט ער געבעטן מ'זאָל אים לאָזן ריידן צום סעקרעטאַר פון יעווסעקציע און דאַן האָט חיים נאָר געהערט, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט גערעט:

— מיין מיינונג איז, אַז פאַר בירגער פורמאַן איז ניט קיין תכלית, סיי צוליב פּאָליטישע מאָטיוון און סיי צוליב עקאָנאָמישע אנגעלעגענהייטן, צו פאַרנעמען זיך מיט אינדיווידועלע לאַנד־ווירטשאַפט.

פאַר חיים'ן איז דעם פּאַרוואַלטערס שפּראַך געווען צו שווער. ער האָט איצט צום ערשטן מאָל געהערט עפּעס אַזעלכע ווערטער וואָס איז אים נאָך קיינמאָל ניט אויס געקומען צו הערן. עס זיינען אָבער געווען גענוג די ערשטע ווערטער „פאַרן בירגער פּוּרמאַן איז ניט קיין תכלית", און די ווערטער האָט ער שוין גראָדע זייער גוט פאַרשטאַנען — אַז ער זאָל ווערן ווי צעטומלט. ער האָט איצטער איבער געלעבט די זעלביקע געפילן, וואָס ער האָט געפילט היינט אין דער פרי, ווען דער שרייבער האָט זיך מיט אים דורך געשמועסט. וואָס איז אים דען די נפקא מינה, ווי אַזוי דער אָפּזאָג איז? דער עיקר, טראַכט ער זיך, איז דאָך די אונטערשטע שורה, און ער הערט דאָך שוין, בּאַ וואָס ס'האַלט. און דאָ איז דאָך שוין די לעצטע אַקטאַווע. וואָרן, אַז דער שרייבער האָט אים היינט אין דער פרי אָפּגעזאָגט, האָט ער נאָך געהאַט אַ האָפענונג — געהאָלפן צו ווערן דורך דער יעווסעקציע, אָבער איצט, וואָס קען ער שוין איצט דערוואַרטן?

דער פּאַרוואַלטער האַלט אין איין ענטפערן אין טעלעפאָן־רערל:

— יע. . . יע. . . יע. . . יע. . . יע. . .

חיים'ן האָט שוין דערעסן דאָס איינציקע וואָרט „יע". ער וואָלט שוין וועלן הערן קלאָרע דיבורים. און אפשר? — גייט אים איבער אַ נייע מחשבה — אפשר, האָט אים דער יונגערמאַן פון דער יעווסעקציע איבער גערעט און ער וועט בייטן זיין פריער־דיקע מיינונג. אַ ניט — וואָס־זשע זאָגט ער „יע"? ווען ער זאָל ניט מסכים זיין מיטן יונגענמאַן פון יעווסעקציע, וואָלט ער דאָך אים געענטפערט „ניין".

פרייליכער איז געוואָרן חיים'ן, ווען דער פּאַרוואַלטער האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן:

— געווים איז קיין צווייפל ניט אין דער וויכטיגקייט פון אַזאַ אַרבעט. און טאַקע דערפאַר, וואָס מיר באַטראַכטן די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די אידישע ניט־פּראָדוקטיווע עלעמענטן פאַר אַ וויכטיקע שלאַג־אויפגאַבע פון סאָוועטן־מאַכט, דערפאַר זאָג איך, וואָלט בעסער געווען די פראַגע לייזן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן. מיר האָבן איצטער אַ פרייען שטח לאַנד אין די גרענעצן פון סמאָלענסק, אויף וועלכן מ'קען איינאָרדנען אַ לאַנד־ווירטשאַפטלאַכן אַרטעל פון אַ 25 אידישע פאַמיליעס.

חיים הויבט אָן פרישער צו אָטעמען. עפּעס רעדט דער פאַרוואַלטער צו דער זאַך. איינגאַנצן די שפּראַך פאַרשטייט ער טאַקע אַלץ ניט, דאָך הערט ער, אַז ס'האַלט עפּעס בּאַ אַ לאַד. ס'איז דאָ האָפנונגען. דער פאַרוואַלטער הויבט אָבער אָן ווידער אַמאָל זאָגן דעם „יע", ווערט חיים'ן ווידער אַמאָל מלאשנע אויפן הארצן. עפּעס אַ מין אָנשיקעניש דער „יע" איז. ער שטעכט אים איצט, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג. ביז וואַנען ער האָט שוין דערלעבט צו הערן נאָך אַמאָל גאַנצע ווערטער:

— אָט דאָס, וואָס איך זאָג! כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם פאַרזייהונג סעזאָן, וועל איך איצטער אַרויס רופן דעם „סעטמאַס" און אים איבער געבן דעם ענין, צו אָרגאַניזירן עס אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן.

נאָך אַזעלכע דבורים, האָט חיים שוין פאַרשטאַנען, אַז עפּעס טוט זיך שוין צו גוטן. אַ זעמלעדעלעין וועט ער שוין, מירטשעשעם, יע זיין. און דאָס, וואָס ער הערט דאָ דער־מאָנען אַרטעל, איז ער אויך זייער צופרידן. פאַר וואָס ניט? אבי ס'זאָל אים ניט שאַדטן איז ער זיך טאַקע אמת מחיה, וואָס נאָך אידן וועלן איצט געהאָלפן ווערן. דאָס האָט ער דאָך טאַקע אַזוי געטראַכט, ווען ער איז נאָך געזעסן אין יעווסעקציע.

דער פּאַרוואַלטער היינגט אויף דעם טעלעפאָן־רערל, נעמט אים נאָך אַמאָל אַראָפּ און בעט אַן אַנדער נומער. ער באַקומט אים גלייך און פרעגט:

— ווער רעט עס? — און אין דער זעלבער סעקונדע, זאָגט ער שוין:

— גוט! עס רעט דער פּאַרוואַלטער פון זעמאַטריעל, הערט זיך איין. וויפיל האָט איר באַ אייך אידן, וואָס וואָלטן וועלן ווערן זעמלעדעלצעס? — א פּאָר מאָל ענטפערט ער „יע" און א פּאָר מאָל „גוט". נאָכער רופט ער זיך אָן:

— גוט! קומט באַלד אַריבער, וועלן מיר שליסן דעם אָפּמאַך.

חיים דערפילט זיך, ווי א ניי־געבוירענער. איצט קען שוין אפילו א בלינדער זען, אז ס'גייט אויף א לאַד. דער פּאַרוואַלטער פאַרנעמט זיך דערווייל מיט אַן אַנדערן פון די באַזוכער און חיים'ן הייסט ער צו וואַרטן. קיין סך האָט ער אָבער ניט געדאַרפט וואַרטן, אין א פופצען מינוט אַרום איז דער פּאַרזיצער פון „סעטמאַס" געקומען.

— וואָס טוט איר עפּעס דאָ, חבר חיים? — פרעגט בא אים דער פּאַרזיצער. חיים האָט אָבער ניט אויספייעט צו ענט־פערן אויף דער פראַגע, דער פּאַרוואַלטער האָט שוין זיך באַ־פרייט פון דעם צווייטן באַזוכער און האָט זיי צוגערופן צום טיש.

* * *

צוועלף א זייגער זיינען זיי אוועק פונם זעמאַטריעל, האָבנדיק שוין דעם געשריבענעם אָפּמאַך מיט זיך.

נאָך היינט אָוונט איז שוין אין „סעטמאַס" פאָרגעקומען די ערשטע גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון דעם אידישן לאַנד־ווירט־שאַפטלאַכן אַרטעל. באַ דער פאַרזאַמלונג האָט דער פּאַרזיצער

דערציילט די גאַנצע היסטאָריע פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך מיטן זעמאָטדיעל און אַז „אינגאַנצן האָבן מיר דאָ צו פאַרדאַנקן אונזער חבר חיים'ן. ער האָט דאָס דורך געבראַכן די ערשטע טיר צו אַ געזונטערן פּראָדוקטיוון לעבן פאַר די חברים פון אונזער ניי־געגרינדעטן לאַנד־ווירטשאַפטלאַכן אַרטעל".

„ער איז דאָס געגאַנגען אין יעווסעקציע. און אַזוי ווי אַלעמאָל, אַזוי האָט זי אויך היינט באַוויזן, אַז איר זיינען טייער די אינטערעסן פון די אומפּאַרטייאישע האָרעפּאַשנע אידן".

„ער איז דאָס אַליין היינט געגאַנגען אין זעמאָטדיעל, וואו דער פאַרוואַלטער, אַן אמת'ר איבערגעגעבענער פּאַרטיי חבר, האָט באַלד אָפּגעשאַצט די ריכטיקע לאַגע פון די אומפּאַרטייאישע אידן, וואָס רייסן זיך צו ווערן נוצלאַכע בירגער און האָט מיט אונז געמאַכט אָט דעם דאָזיקן אָפּמאַך."

„דאָס באַווייזט אונז אַן איבעריקן מאָל, ווי די סאָוועטן־מאַכט שטייט אויף דער וואַך, צו העלפן בויען אַ נייעם גע־זונטן לעבן אויך פאַר די אומפּאַרטייאישע אידן, וואָס צוליב געוויסע סיבות האָבן זיי באַם צאַרישן רעזשים געמוזט ציען זייער חיונה פון לופט פּרנסות, פון האַנדל־וואַנדל."

„און דאָס באַווייזט אונז אויך, וואָס אַ מענטש קען אויפ־טאָן פאַר זיך און פאַר'ן כלל, אויב ער פאַרלירט נאָר ניט זיין מוט און זיין ענערגיע. אונזער חבר חיים האָט עס היינט פאַר אונז באַוויזן."

* * *

אין צוויי חדשים אַרום, איז דורך סמאָלענסק דורך גע־פאָרן דער פּאַרזיצנדער פון אַלרוסלענדישן „סעטמאַס." האָבן אים די דאָזיקע אידישע ערד־אַרבעטער פאַרבעטן צו זיך אויף זייער פעלד.

דאָרטן איז שוין געווען נאָך אַ גרויסער זייטיקער עולם

אויך, דער גאַסט האָט גערעט וועגן דער נייער עפּאָכע פאַר דער אידישער באַפעלקערונג באַם סאָוועטן־רעזשים. אלס ביישפּיל האָט ער אָנגעוויזן טאַקע אויף דעם דאָזיקן פעלד, וואו נעכטיקע הענדלער און קרעמער, נעכטיקע בעל עגלות פאַרזייען א גליקלאך לעבן פאַר זיך און פאַר אלעמען.

דער עולם איז באַגייסטערט און אַפּלאָדירט. פון דער זייט, ווייטלאך פון דעם פאַרזאַמלטן עולם, האָט זיך פּלוצים דער־הערט א שטאַרקע פערדישע הירזשעריי.

חיים׳ס פערדלאך, האָבן זיך עם אזוי צעהערזשעט.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט, אויסדרייענדיק די געזיכטן אין דער זייט, וואו די פערדלאך שטייען און חיים׳ס ווייב האָט אין דער הויך אויסגשריען:

— ניש־קשה, חברים, אידן! די פערדלאך מעגן זיך פרייען. ס׳קען זיין, אז אין זייער זכות זיינען מיר אצינד דאָ אויף אונזער פעלד.

אַ רבֿ אַ קדוש

1

אַרום און אַרום הערשט אַ מאַוים׳דיקע טויטע שטילקייט, וועלכע ווערט געשטערט נאָר דורכ׳ן אונאויפהערליכן שווישטשען־דיקן ווינט. ער זאָגט דאָס אָן די בשורה וועגן זיין אוצר שניי, וואָס ער ברייננגט צוטראָגן פאַרן פינסטערן געגנד, וואו ניט נאָר עלעקטרי, נאָר אפילו קיין ביסל נאַפט איז ניטאָ צובאַלייכטן די פאַרלאָזענע עלנדע טרעטוארן.

גאָט האָט דאָס צוגעהערט די תפלה פון זיינע דאַבליר איינוואוינער און האָט זיי דורכן מלאך שלגיאל אַראָפגעשיקט אַ כפול־שמונה׳דיקן שניי. ס׳דאָך פאַרט אוממעגלאַך לאָזן טויזנטער, צענדליק־טויזנטער מענטשן, פאַמיליעס מיט פיצלאַך קינדער, זיצן אַזעלכע לאַנגע טבת׳דיקע נעכט אין דער שטאָק־פינסטערניש, איבערהויפט בא אַזעלכע שרעקלאַכע קראַנקייטן, ווען מ׳מוז אינמיטן באַנאַכט לויפן רופן אַ דאָקטער.

עלעקטרי און אַנדערע סאָרטן ליכטיגקייטן זיינען, כידוע, ניט בידי שמים. די לבנה, אויף וועמען כביכול האָט שוין יע צוזאָגן האָט אָבער אויך באַשטימטע צייטן און ס׳דאָך ניט שייך צופאַרלאַנגען, אַז אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט זאָל גע־שעען אַ נס און די לבנה זאָל לייכטן ניט אין איר צייט. די איינציקסטע ליכט, וואָס זיין ליבער נאָמען קען געבן פאַר די דאַבליר איינוואוינער, דאָס איז די ליכט פון שניי און גע־געבן האָט ער עס טאַקע דעם שניי בהרחבה, כיד המלך.

האָט איר אָבער שוין ווען געזעען, אַז מ׳זאָל קענען יוצא זיין פאַרן גאַנצן כלל? זיינען פונם שניי צופרידן די שטאָט־איינוואוינער, וואָס ביינקען באַנאַכט נאָך אַ קאַפּ שניי, — שיטן אויף אים אוים אַלע קללות פון דער תוכחה די פאַסאַזשירן, וואָס פאָרן איצטער, צוועלף אַזייגער באַנאַכט, מיטן באַן קיין דאַבלי און אַכט וויאָרסט פון שטאָט זיינען זיי געבליבן שטיין

אינמיטן וועג, ווייל די באַן ליניע איז פאַרשאָטן, טאָקע דורך דעם אַ שניי, און ס׳ניטאָ ווער ס׳זאָל אים אָפּראַמען.

דער הייזעריקער שליח צבור, דער פון אַלטקייט אָפּגעקלאַפּטער לאָקאָמאָטיוו, רעוועט מיט זיין פאַרטעמפּטן קול, ווי ער וואָלט בעטן רחמים:

— ווער ס׳האָט גאָט אין הארצן, קומט ראַטעווען, וואָרן אָט אָט לאָזט זיך באַ מיר אינגאַנצן אויס דאָס ביסל חיות (קוילן און וואַסער), וועלן מיר דאַרפן בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין מיטן פעלד און קיין תחית המתים שוין אפשר אויך ניט אויפשטיין.

וואָרן שרעקן זיך איז דאָ פאַרוואָס. אַרום און אַרום ווילדעווען דאָ מערדעריש די באַלאַכאָוויטשעס־סאַווינקאָוו (דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערס) באַנדעס און מיט די גרעסטע אכזריות באַפאַלן זיי אפילו אין מיטן העלן טאָג די הינקענדיקע באַנען און קוילן די אידישע פּאַסאַזשירן, ניט איבערלאָזנדיק קיין זקנים און פּיצלאַך קינדער. אויב־זשע דורך אַ וועלכן ס׳ניט איז נס. . . איז איצטער די באַנדע רוצחים באַשעפטיקט מיט זייערע שחיטות אין אַ אידישן ניט באַשיצטן ישוב און דעם איצטיקן באַן דראָהט ניט קיין געפאַר פון אירע פאַרבלוטיקטע נעגל, — דאַרפן די פּאַסאַזשירן סיי ווי סיי אויסגיין פון שרעק און קעלט.

פּאַסאַזשירן פאָרן ניט צו יענער צייט אין וואַרימע קלאַסן־וואַגאָנען. גליקלאַך איז מען, אז מ׳קען כאַטש זיך אריינכאַפּן אין אַ סחורה־וואַגאָן, מיט וועלכע מען פלעגט אַמאָל פירן אומגעסטראַכירטע סחורות, וואָס דאַרפן קיין שמירה ניט האָבן, סיי זומער אין די גרעסטע היצן, סיי ווינטער אין די גרעסטע קעלטן

אפילו אַזעלכע סחורה־וואַגאָנען זיינען דאָך אויך ניטאָ אין אַ גענינגענדער צאָל. וואו זאָל מען זיי נעמען, אז אַלעס איז

חרוב ונחרב, צעשטערט און פאַרלאָזט. צעברעכט זיך אַ שריי־פעלע אין אַ ראָד, מוז שוין דער גאַנצער וואָגאָן אוועק גע־שטעלט ווערן אויף אַ רעזערוו ליניע און מ'קען אים מער ניט נוצן. די קליינע צאָל געזונטע וואַגאָנען זיינען ניט באַהייצט. ווען ס'זאָל זיין געגנוג האָליץ, וואָלט מען בילכער געהייצט אין אַ געניגענדער מאָס דעם אַלטן קוילן־פּרעסער, דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס קרעכצט און סאָפּעט גייענדיק טריט בא טריט, ווי ער וואָלט וועלן נעמען נקמה דערפאַר, וואָס מ'גיט אים ניט די פּאַרציע האָליץ, וואָס ס'קומט אים.

שטייען אַזוי די שלעפּערס (ווי מ'פלעגט דאַמאָלס רופן די וואַגאָנען) אינמיטן פעלד, ווייט פון אַ לעבעדיקע נשמה, אפילו אַ הינט הערט מען ניט האַווקען. די קעלט נעמט דורך און דורך ביז צו קראַפּירן. די פרייליכערע פּאַסאַזשירן זינגען אויס פאַרשידענע לידלאַך אונטער דער באַגלייטונג פון די קנאַקענדיקע ציינער, אַזוי אַז זייער קול זאָל ווייטער פון דעם פאַררינגלטן וואַגאָן־טויער ניט געהערט ווערן. די אומעטיקערע איבערהויפּט פון די אידישע פּאַסאַזשירן בעטן רחמים מ'זאָל ניט זינגען און טוליען זיך ווי פאַרבלאָנדזעשטע שאָף איינער צום צווייטן, ליגנ־דיק אויפן פאָל אַרום זייערע קלימעקלאַך. דאָס לעצטע שטיקל ליכט, וואָס אַ פּאַסאַזשיר האָט גראַדע געהאַט מיט זיך „על כל צרה שלא תבא" האַלט שוין אָט אָט באַם אויסגיין און אין די מחות מאָלן זיך בילדער איינער טרויעריקער פון דעם צווייטן.

צו די אַלע מחשבות איז פּלוצים צוגעקומען נאָך אַ ווילדער געדאַנק: עפּיס הערט זיך שוין ניט דאָס סאָפּען פונם לאָקאָ־מאָטיוו. ניט אַנדערש אַ באַנדע פאַרעט זיך אַצינד מיטן מאַ־שעניסט, ווען זי האָט געצוואונגען פאַרדרייען די שרייפלאַך, די פּאַרע זאָל אויפהערען זשויען און ניט מאַכן קיין איבעריקע טרעוואָגע. שטייט זיך אַזוי דער באַן מיט זיינע פופצען וואַגאַ־

נעם, פול געפאקטע מיט פאסאזשירן און קיין דוך הערט מען פון זיי ניט. זיי האבן שוין ווייזט אוים, בא זיך גע־פועל'ט ליגן אזוי און ווארטן שטיל אן אטעם ביז דער חלף וועט צו קומען צו זייערע העלזער.

אין אמת'ן זיינען דאמאלס ניט דער לאקאמאטיוו און ניט דער מאשעניסט געווען מיט זייערע אנגעשראקענע פאסאזשירן. צו וואס דא נודיען זיך אינמיטן פעלד און באזיפצן און באסאפען די הילפלאזע אנגעשראקענע נפשות, א מער איז דאך גלייכער צו צופארן צו דער נאענטער סטאנציע און זען עפים אן עצה ווי ארום ארוים שלעפן די פארשאטענע וואגאנעס און זיי ברייננען צו א לעבעדיקן ישוב.

האט טאקע דער מאשעניסט אזוי געטאן און אין א צוואנציק מינוט ארום, האט שוין דער אנגעשראקענער עולם נאך אמאל דערהערט ניט נאר דעם לאקאמאטיווס סאפען, נאר אויך זיין הייזעריקן קול. דער לאקאמאטיוו האט עם אפנים געוואלט אנ־זאגן די בשורה, אז ער פירט מיט זיך א 65 לאפעטעס און טאקע 4 ארבעטער אויך. און אפשר האט ער געמיינט זיך אויסבייזערן אויף די פאסאזשירן, וואס ליגן דארט צונויפגעקארטשעט פאר קעלט און דערשרעק, — זיי זאלן וואס שנעלער נעמען די לא־פעטעס און זיך שטעלן צו דער ארבעט, וועלן מיר גיכער קו־מען קיין דאבלי!

צוויי אזייגער באנאכט זיינען מיר צוגעפארן צום וואגזאל, וואו בא דער שיין פון א פאררויכערטן נאפט לאמפ, וועלכער איז צוגעקלאפט צו דער געמויערטער וואנט האט מען געקענט איבער־לייענען דעם שילד „דאבלי."

2

אין וואגזאל איז שוין דוקא יע ווארים. אומעטום ווארים, סיי אין דעם געוועזענעם ערשטן־צווייטן קלאס און אינם דריטן,

סיי אין די קאָרידאָרן. ווייל יעדע ווינקעלע איז פול און פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. מיטן הויך פונם מויל וואַרעמען זיי אָן די גרויסע געביידע, כאָטש אירע קאַכלענע הרובעס האָבן נאָך היינטיקן ווינטער אַפּילו ניט טועם געווען דעם טעם פון פייער. וואָס־זשע האָט איר פונם וואַרעמקייט, אַז איר קאָנט פון דעם ניט געניסן? ניט דערפאַר, וואָס די לופט איז דאָרטן אויף דערשטיקט צו ווערן. מיט איר, מיט דער לופט, וואָלט איר שוין ווי ס'ניט איז מושוה געוואָרן. צו שלעכטע לופט געוויינט מען זיך יאָקאָם צו. . . איז אָבער די צרה, וואָס בשום ענין ואופן קאָנט איר אין וואַגזאַל ניט אריין קומען. ס'פּשוט ניטאָ וואו א שפּילקע דורך צו וואַרפן.

די אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס איר זעט דאָ בראָפּענדיק אויף זייערע פּעקלעך ליגנדיק אויפן שמוציקן פּאָל, — וואַרטן שוין דאָ דעם צווייטן טאָג אויף א צוג, וועלכער דאַרף זיי אָפּפירן וועמען אויף מינסקער ליניע, וועמען אויף באַכמוטער אָדער אויף מאָסקווער ליניע. אַפּילו אויפן צוג, וועלכער גייט קיין מאָזיר, וואו באַלאַכאָוויטשעס באַנדעס אָפּערירן — וואַרטן דאָ אויך פּאַסאַזשירן. ווייל פּאַסאַזשירן זיינען מענטשן און מענטשן ווילן פאָרן, מעג זיין די נסיעה פאַרבונדען מיט כל־ערליי שוועריגקייטן, אַפּילו מיט סכנות נפשות.

דערפאַר איז אָבער אויף דער פּלאַטפאָרם געראַם. קיינעם זעט איר דאָרט ניט אצינד. דאָרט וואָלט געווען דער בעסטער פּלאַן אויף איבער צו וואַרטן די עטלאַכע שעה ביז טאָג. איז אָבער די צרה, וואָס אין דרויסן בושעוועט אצינד אזא ווילדע זאַווערוכע און ס'זאָל דאָרט שטיין כאָטש א צעבראָכענע באַנק.

ניט ווייט פונם פּאַרזשאַוועטן וואַגזאַל־גלעקל שטייען יע א פּאָר ביינק מיט אייזערנע פיס און פּערענצע. קאָן מען אָבער אויף זיי ניט זיצן. עמיצער האָט פון זיי אראָפּגענומען די ברע־

טער. די שכנים אַרום וואַגזאַל האָבן דאַמאָלט צוגעטראַכט, אַז מיט ברעטער ניט נאָר פון די וואַגזאַל־ביינק, נאָר אַפילו פון די שלאָפֿ־וואַגאָנען, וועלכע פאַרנעמען אַלע רעזערוו ליניעס פון דאַבליר באַן־הויף,— קאָן מען זייער גוט אויסהייצן די הרובעס, זיי ברענען אויסגעצייכנט.

די זעלביקע שכנים זיינען זיך נעבאַך מטריח אַזוי שפּעט באַנאַכט, באַ אַזעלכע זאַווערוכעס, אַז ס'איז אַ חלול השם אַפילו אַ משוגע'נעם הונט אין גאַס אַרויסלאָזן און גייען „מבקר חולה" זיין די שלאָפֿ־וואַגאָנען, וואָס מ'נוצט זיי ניט דערפאַר, ווייל ס'האָט געפעלט אַ שרייפעלע אין ראָד. און אַז איר הערט דאָן אַ גרילצנדיקן קרעכץ, וואָס רייסט אַזוי פּראָטעסטיש איבער די פינסטערע טויטע שטילקייט פון דעם אַרום,— האָט איר זיך ניט וואָס צו שרעקן. דאָס קרעכצט עס אַזוי די געזונטע ברעט פון דעם קראַנקן וואַגאָן. עס ווילט זיך איר ניט צעשיידן מיט די איבעריקע געזונטע טיילן, מיט וועלכע זי איז אַזוי פעסט באַהעפט פון דער ערשטער מינוט אָן און מיט וועמען זי האָט אָן אויפהער אַזוי געטריי געדינט, וועמען ווייסט זי ניט, ביז וואַנען עס איז אָנגעקומען אַזאַ קאַשמאַר־ווילדע צייט פון דייַ־סעניש, פון באַנדיטישע פאַרוויסטונגען.

ווער רופט זיך אָבער אָפּ אויף איר פּראָטעסטישן קרעכץ?!

די פּאַסאַזשירן זיינען פאַר מידקייט פון פיל וואַרטעניש אַנידערגעפאַלן אַזוי ווי אַ שטיין און כראָפּען אויף זייערע קליי־מעקלאַך, כאַטש נעם און טראָג זיי איבער מיטן וואַגזאַל איינ־איינעם. דער באַן־מיליציאָנער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געפרווירן אין הרויסן (דוקא דאַמאָלס האָבן די ברעטער ניט גע־וואָלט קרעכצן . . .) האָט זיך אַצינד אַריינגעכאַפּט אין קינאָ צו זען אַ שיינע בילד.

אין איינע פון די גרעסטע זאַלן אין דער געביידע פונם

וואַגזאַל איז איינגעאָרדנט די קינאָ, וואו אַלע נאַכט ווייזט מען דאָרטן מואווי בילדער. דאָרט זיינען אויסגעשטעלט לאַנגע גרויסע ביינק, וואו די מערער וואַכנדיקע פּאַסאַזשירן קענען דאָרטן זיצן אַפילו אַ גאַנצע נאַכט און זען די בילדער, אָבער ניט שלאָפן.

— דאָ איז ניט קיין אָרט צו שלאָפן! — זאָגט אייך עפּיס אַ מיידל מיט אונטער געשוירענע שוואַרץ־געדיכטע האָר, וואָס וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד נעבן אייך, ווען זי באַמערקט, אַז איר ווילט מאַכן אַ סדר, וואו צו צושפּאַרן זיך, כאַפּן אַביסל אַ דרעמל. ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס געטאָן אַזוי טוט זי אַ שפּרונג צו דעם אָרט, וואו זי באַמערקט, אַז עמיצער וויל זיך אַ קאַפּיטשקע צושפּאַרן אויף דער באַנק.

— אַז ס'נעמט איר גאָר קיין שלאָף ניט. נאָר אַ ניט־גוטער אַרבעט אין איר. ווייזט אויס, אַז איר טאַטע איז אַ ספּעציאַליסט אויף וועקן צו „סליחות“. . — אַזוי שמועסן זיך דורך צוויי פּאַסאַזשירקעס, זעענדיק ווי דאָס מיידל מיט די אונטער געשוירענע שוואַרץ־געדיכטע האָר שפּרינגט אַרום פון באַנק צו באַנק און לאָזט ניט אַ דרימל טאָן.

אפשר ווילט איר אַ ציימונג לייענען, אַ אידישע, אַ רוסישע, אַ טערקישע, אַ טאַטערשע — מהיכי תיתא, דאָס וועט זי אייך ניט זשאַלעווען. טאָמער ווילט איר אַ ביכל אויף אַריינצוקוקן — מיטן גרעסטן פאַרגעניגענד. ווילט איר אָבער דאָ אין קינאָ שלאָפן — איז חיות ניט זיכער. ווילט איר שלאָפן, האָט איר נאָר איין ברירה זיך וואַלגערן דאָרט אין וואַגזאַל אויפן פּאָל (אויב ס'נאָר דאָ אַ ליידיק פּלאַץ), ווי אַנדערע מענטשן טוען. „ניטאָ קיין מיוחסים“ — זאָגט זי.

— אַז ס'איז אַ משוגע'נע וועלט מיט משוגע'נע מענטשן, גיי קום אויס מיט זיי! — רופט זיך אָפּ אַנ'אַלטיטשקע אידענע, וואָס רייבט די אויגן און קוקט אויף די מואווי בילדער.

3

— געלויבט דער אויבערשטער, ס'שאריעט שוין אויף טאָג!
— רופט זיך אָפּ צו מיר א איד פון א יאָר פופציק, וואָס פון זיין בגד אויף זיך, וועלכער איז אַרומגעבונדן מיט א תפלה גאַרטל האָט זיך געפילט א ריח צי פון אויל, צי פון פלייש אָדער פיש. פון הינטער דעם באַשליק, וואָס ער טראָגט איבערן קאָפּ ביז אַריבער דעם פוטערנעם אויסגעריבענעם קאָלנער, איז מער ניט צו זען נאָר דעם מילטסטן טייל פון א אויסגעמאַטערט בלאַס פנים. זיינע שווארצע אויגן גלאַנצן פאַרשנדיק, כאָטש זיי זיינען נאָך שלאָפנדיק, כמעט האלב פארמאכטע,— קענטיק, אז ער איז עס נאָר וואָס אריינגעקומען פון יענעם מקום, וואו שלאָפן מעג מען יע. . .

אליין איז ער א קאַלינקעוויטשער. פאָרן פאָרט ער פון מאָזיר. קומען קומט ער קיין דאָבלי קנעפּלאָך קויפן. פירט ער מיט זיך א היבשע סומע געלט, האָט ער מורא געהאט גיין באַ־נאכט אין שטאָט אריין, איז ער שוין איבערגעשלאָפן דאָ אויפן וואגזאַל.

— מיין אויסזען, זאָגט ער, איז אים זייער געפעלן. אז ער זעט אין וועג א אידן מיט א צלם אלקים איז ער זיך ממש מחיה. ער וואָלט מיר נאָר געָעצה'ט, איך זאָל זיך אויך קויפן א גרויסן באַשליק, זיך ארום וויקלען , אזוי ווי ער, דאָס פנים — מ'דארף זיך, זאָגט ער, צופיל יענעם ניט ווארפן אין די אויגן אריין.

—אביטערע וועלט איז איצט אויפגעשטאנען! — קרעכצט נעבאָך דער איד, ווען מיר האָבן זיך שוין געלאָזט גיין אין שטאָט אריין. און פרעגט מיך דערוויילץ צי איך ווייס ניט ווי האלט איצט די פרייז אויף קנעפּלאָך?

— קנעפּלאַך, ענטפער איך אים, איז דאָך דאָ פאַרשידענע: העמדער־קנעפּלאַך; הויזן־קנעפּלאַך. און איידער איך האָב נאָך מיין געדאַנק פאַרענדיקט לאָזט מיין איד אָפּ זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס אין מיטן שניי, און אליין שטעלט ער זיך אַוועקלאַכן, אַז איך האָב אַנדערש ניט געמיינט — דער איד איז לא עלנו אַראָפּ פון די געדאַנקען, אָדער סתם אַזוי אַ מסוכנה היסטעריקע. היינט איז דאָך אויף אַזאַ אידן אַלעם צו גלויבן, אַז דאָס פּנים מוז ער נעבאָך האַלטן הינטער אַ באַשליק, פאַרן פאָרט ער פון מאָזיר, אַזאַ געגנד, וואו סאַווינקאָווס (דעם סאָציאַל רעוואָלוציאָנערס) באַנדעס האָבן פאַרגאָסן אַ ים מיט בלוט פון אידישע קרבנות; האָט מסתמא אַ ווייב מיט קינדער, וואָס ער דאַרף זיי מפרנס זיין פון אַזאַ גליקלאַכע פּרנסה ווי קנעפּלאַך. וועמען ליגט עס איצט קנעפּלאַך אין קאָפּ? ווער האָט עס איצט אינזינען זייך נייען אָדער אפילו פאַרריכטן אַ בגד, אַז ווען מ׳האָט כאָטש שוואַרץ ברויט צו שטילן דעם הונגער, איז מען אַ גליקלאַכער?

אַז דער איד האָט זיך אין עטלאַכע מינוט אַרום באַרוהיגט און נאָך זיינע עטלאַכע מאָל „אוי. . . אוי“. . . וואָס האָט זיך באַ אים אַרויס געאוויקעט נאָכן געשמאַקן לאַכן, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ווידער אַמאָל אין גיין,— ערשט דאַן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער איד איז ניט חלילה פון די געדאַנקען, קיין היסטעריקע האָט ער אויך ניט און דאָס האָט ער פּשוט געלאַכט אַזוי האַרציק, וואָס אויף דער וועלט איז נאָך דאָ אַזאַ בטלן, וועלכער ווייסט ניט, אַז „קנעפּלאַך“ מיינט איצט גאָלדענע פינפערלאַך.

צו יענער צייט, אַז צוויי מענטשן גייען אין גאַס קען זיך באַ זיי אַ שמועס ניט ציהען אַלץ וועגן איין ענין. דער רוישיגער היסטאָרישער מאָמענט גיט אייך יעדע מינוט נייע און נייע

בילדער, ווען וועלכע איר מוזט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, זיך אריינטראַכטן.

מיר גייען דורך די הויפּט גאַס, וועלכע פירט גלייך פונם וואָגזאַל ביזן גרויסן מאַרק־פּלאַץ. ווי איר זאָלט ניט גיין לויפנדיק און ווי איר זאָלט ניט זיין פאַרטאָן אין אייערע געדאַנקען מוזט איר אָפּשטעלן אייער בליק אויפן גרויסן קלויסטער, וואָס זיין אונגעהויער גרויסער הויף, דער פול־באַזעצטער מיט אַלטע צעוואַקסענע ביימער איז אַרום געצוימט מיט אַ געמויערטן צלמים־געלעכערטן פּאַרקאַן.

לעבן טויער אויף דער אָפּגעריבענער שילד, וואו ס'זעט זיך נאָך אַרויס סמנים פונם אויפשריפט „צערקאָוונאַ פּריכאָדסקאַיאַ שקאָלאַ," היינגט איצט אַ ווייסע שילד מיט אַ רויט־פייערדיקן אויפשריפט „טרודאָוואַיאַ שקאָלאַ." דער ווייסער פּאַרקאַן פון דעם גרויסן קלויסטער־הויף איז באַדעקט מיט פאַרשידענע לאָזונגען און שיין געמאָלטע קונסט בילדער, אינגאַנצן געווידמעט דער אַגיטאַציע טאַקע קעגן קלויסטער און טאַקע קעגן זיינע גלחים, וועלכע „פאַרפינסטערן די מחות פון פאָלק, נאָר כדי אויסצונאַרן בא אים זיינע מיט־שוויים־פאַרהאָרעוועטע גראָשנס."

וואו ניט וואו וואַרפט זיך אין אויג אַ בילדל, אויסגעמאָלט מיט פאַרשידענע פאַרבן: ניקאָלאַי דער צאַר אינמיטן, אַ פּאָפּ־יעשטשיק — פון רעכטס און אַ פּאָפּ פון לינקס האַלטן זיך אויף אַ שלאַנג, וואָס טראָגט מיט זיין פּיסק אַ צעבלוטיקטע צע־מזיקטע קאָפּ פון אַ אידן. אויף דעם זעלביקן פּאַרקאַן איז אויפגעקלעפּט אַ גרויסער פּלאַקאַט: אַ גרויסע אויפגייענדיקע זון, וואָס באַלייכט דורך אַ צוציענדיקע שיין דעם גאַנצן ווייטן האָריזאָנט, וואו אויף אַ ברייט צעאַקערטע פעלד שטייט אַ בלאָנדע יונג־פרוי. מיט איר לינקער האַנט האַלט זי צו אַ קאָרב, וואָס היינגט בא איר אויף די פעסט געבויגעטע אַקסל און מיט דער רעכטער האַנט באַשיט

זי די פעלדער מיט די זריעה־קערנדלאַך „גלייכקייט, ברודערלאַכ־קייט און גערעכטיקייט“. אויף אַ צווייטן אָרט אין דעם בילד איז אויסגעמאָלן אַ גרויסער עולם מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ און אָפענע מיילער און הערן זיך צו מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאַמקייט צו די רייד פון אַ פּאַרסאַזשעטן מעטאַל־אַרבעטער, וועלכער שטייט פאַר זיי אויף אַ אונטערגעזעגטן קלאָץ און וויזנ־דיק אין דער ריכטונג, וואו די יונג־פרוי שטייט, זאָגט ער צו זיי: ווילט איר, אַז די דאָזיקע זריעה זאָל אויפגיין און ברענגען נוצן פאַר אַלע געקריוודעטע, אָן אונטערשיד פון ראַסע און גלויבן; ווילט איר זיך ניט אומקערן אונטער דער יאַרמאָ פון די פּריצים, וואָס ווילן דערטרינקען די רעוואָלוציע, אונזער פרייהייט, אין די טייכן בלוט פון די אומשולדיקע אידישע קרבנות, כדי זיי זאָלן נאָכער קענען הערשן איבער אייך מיט דער הילף פון דער פּאָליציייאישער נאַהייקע; ווילט איר ניט פאַרלירן אייער ערד און פרייהייט, וואָס איר האָט מיט אייערע אייגענע פאַרהאָרעוועטע הענט אויסגעקעמפט, — טאָ שליסט אייערע רייען און גייט צעשמעטערן די זאַטע אויסגעפרעסענע באַנדעס פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער סאַווינקאָוו און זיין פּאָל־קאָוואָדיע באַלאַכאָוויטש, ס׳זאָל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבן.

— וואָס קלערט איר? — רופט זיך אָפּ צו מיר מיין מיט־גייער — איר מיינט, זיי זיינען דען ניט גערעכט אָט די מה־יעשה׳ניקעס. די שקצים, די הולטאַיעס מיט זייערע ווערטער קענען קלויסטער און גלחים, ניקאָלאַי מיט די פּאָמעשטשיקעס און סאַווינקאָוו מיט די פּאָגראָמען? ס׳דאַך אַלץ איין באַנדע! וואָרן וואָס איז דען אייגנטלאַך דער קלויסטער אויב ניט קיין פעסטונג פון פינסטערניש און נאַרעריי? אַ חידוש, פונדעסט־וועגן, כ׳לעבן, אויף די דאָזיקע קונדייסים. צוזאַמען מיט די פאַב־ריקן, מאַגאַזינעס און צערקאָווע־שקאָלעס וואָס זיי האָבן צו־

געגומען, וואָלטן זיי געדאַרפט צו נעמען, כ'לעבן, אויך די קלויסטערס.

דער איד האָט זיך ערשט געוואָלט אַריינלאָזן אין א ברייטן שמועס וועגן די אַלע ענינים. זיינען מיר אָבער שוין געווען אין מאַרק נעבן גרויסן בית המדרש, וואו דער איד האָט זיך מיט מיר געזעגנט.

— א קדושה וברכו, זאָגט ער, גייט ניט צו פּיס. און אפשר וועט ער טאַקע דורך אַגב געוואָר ווערן, ווי האַלט עס די פּרייז פון קנעפּלאַך, מ'דאַרף דאָך פּאַרט מפרנס זיין א ווייב מיט קינדער.

באַם געזעגענען זיך דערמאָנט מיך דער איד: „למען השם ניט פאַרגעסן קומען באַטאָג אין „חומה". ער איז אָנגענומען באַ די קונדייסים אויך, אַלע ליגן זיי באַ אים איבער אין שטוב." דאָס מיינט מיין איד דעם דאָבליר רב, וועלכער לויט די גרויסע אידישע פּלאַקאַטן, וואָס הייגגן אין דרויסן איבער די ווענט פון די שולן און להבדיל די קלייטן אין מאַרק, וועט ער עס האַלטן היינט באַטאָג אין דער גרויסער שול „חומה" א דרשה קעגן די רדיפות איבערן "חדר."

4

די גרויסע שול „חומה" שטייט אויפן מאַרק־פּלאַץ, פּונקט אַנטקעגן דער בראָנזענער סטאַטוע — א געזונטער הויכער אַר־בעטער, וואָס שטייט אַזוי פעסט אויף זיין פּלאַץ, אַז אַלע זיינע מוסקולן אויף זיין האַלב נאַקעטן קערפּער זיינען אָנגעצויגן ווי שטאַרקער דראָט־שפּאַגאַט. דאָ געפינט זיך אויך דער שול־הויף און די אַלע איבעריקע חשוב'ע בתי מדרשים פון דער שטאָט דאָבלי.

אַזוי אַרום רעכנט זיך דאָ דער דאָזיקער שטח פאַרן צענטר

פונם אידישן דאַבלי. דאָ קלאַפּט דער דופק פונם טאָג־טעגלאַכן לעבן, די וואָך (דער האַנדל) און דער שבת (די שולן).

דער דאָזיקער צענטער האָט אָבגעהיט זיין עקאָנאָמישן ווערט אַפילו אין די שלעכטע צייטן, ווען די הונדערטער גרויסע און קליינע געשעפטן זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרבאָטן דעם פּריוואַט־האַנדל. מ׳איז געוואָר געוואָרן, אַז האַנדלען איז ניט קיין חיוב דוקא אין קלייט איבער אַ פייער טאָפּ; מ׳קאָן האַנדלען זיצנדיק אַפילו אין בית מהרש נעבן אַ וואַרימע הרובע.

9 אַזייגער אין דער פרי אַפילו ווינטער צייט קאָכט שוין דאָ דאָס לעבן אין פולן גאַנג. איר זעט שוין דאָן די מחנות קליי־נע אינגעלאַך, 12־10 יעריקע, מיט זייערע קראָמען. די גרעסטע מערהייט פון זיי האַנדלט מיט פּאַפּיראָסן און מיט שוועבלאַך. יעדער סוחר־קינד האָט זיך זיין געשמאַק אין אַ אויסגעאַרבעט קעסטעלע, וואו ער לייגט דאָרט צונויף זיינע עטלאַכע צענדליק אָפענע פּאַפּיראָסן, עטלאַכע פאַרפּעטשאַטעוועטע פּערטל־מאַות־דיקע פּושקאַלאַך, אַ פּאָר צענדליק שוועבאַלאַך (מיט ריח און אָן ריח). דאָס קעסטל־קראָם האַלט ער מיט אַ לעדערנעם רימען אָנגעטאָן אויפן האַלז, אַראָפּגעלאָזט פון פאָרנט ביזן עלענבויגן. די סוחר׳טעס מיידאַלאַך, אינם זעלבן וואוקס ווי די סוחרים־אינגאַלאַך, האַנדלען מיט סעמעטשקעס שוואַרצע און ווייסע, געטרוקענטע און נים געטרוקענטע. אַזאַ קראָם איז בעסער צו־האַלטן אין אַ קיילעכדיק געפלאָכטן קאָרזינקאַלע, אויך אָנגעטאָן אויפן האַלדז. דער מסחר, קלאָגן זיך די קליינע הענדלאַרקעס, טראָגט אַריין ווייניקער ריוח ווי פּאַפּיראָסן. נאָר זיי איז עפּיס ליבער צו האַנדלען מיט סעמעטשקעס איידער מיט פּאַפּיראָסן. פּאַפּיראָסן איז טאַקע נאָר אַ מסחר פאַר אינגאַלאַך, דערווייל האַלטן זיי אַ גאַנצן טאָג אין איין רויכערן. אָבער מיידלאַך זאָלן

נאָר האַנדלען מיט סעמעטשקעס, ס'דאַרף זײַן פֿאַרגעניגען, אַ גאַנצן טאָג כאַטש האַלט אין איין קנאַקן סעמעטשקעס.

אַטאַמאַבילן זײַנען אין דאַבלי פֿאַראַן װײניקער װי אין אַ ניו־יאָרק. פֿראַנק און פֿרײַ קאָנט איר זיך שפּאַצירן אינמיטן גאַס און דאַרפֿט ניט מורא האָבן טאָמער װעט אײַך דורס זײַן אַ פֿיר־רעדעדיקער מזיק. לױפֿן טאַקע אַרום די דאָזיקע קלײנע קאַראַפּוזיקלאַך, סוחרים און סוחר־טעס פֿון איין טרעטואַר קעגן איבער צום צװײטן, װען זײ דערזעען נאָר, אַז עמיצער גײט דאָרט און קנאַקט ניט קײן סעמעטשקעס אָדער רױכערט ניט קײן פּאַפּיראָסן.

זײ האָבן אין זיך נאָך אַ מעלה: זײ זײַנען פֿון די קלײנע איבערקלײַבערס בנוגע צו דער ראַסע און נאַציאָן פֿון זײערע קונים. אַלץ אײנס, אַ איד, ניט אַ איד, האָט ער נאָר אַ מױל מיט הענט (מוז ער דאָך קנאַקן סעמעטשקעס אָדער רױ־כערן פּאַפּיראָסן) מוז ער בײַ זײ די סחורה קױפֿן. אַרױס דרײען זיך פֿון זײערע הענט סתם אַזױ, איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן.

דערפֿאַר קלײַבן טאַקע זײערע עלטערן נחת פֿון די גאָט־געבענטשטע קינדער, װאָס װײַזן זיך אַרױס אַזעלכע פֿײַהיקע סוחרים שױן פֿון קינדװײַז אָן. — װיפֿיל האָב איך זיך אָנגע־מוטשעט, טענה'ט צו מיר מײַן בעל אכסניא, ביז איך האָב גע־קאָנט רײדן מיט אַ קונה. אַ קונה, דאַרפֿט איר װיסן איז אַ ביטערער קערל. ביז ער גיט אײַך עפּיס צוליבן פֿאַרמוטשעט ער אײַך מיט זײַן דינגעניש. און אַז ער קױפֿט שױן יע עפּיס, גיט ער אײַך ערשט אַזאַ פּרײַז, אַז ס'װאָלט פֿיל מאָל גלײַכער געװען אים צוצאָלן ער זאָל בעסער אַװעקגײן און ניט קױפֿן, װעט מען פֿאַרשפּאָרן צו אים דערלײגן. זעט־זשע אָבער הײַנטיקע קינדער. אָט איז מײַנס אַ אינגאַלע, אַ קינד פֿון צװעלף יאָר,

זאָלט איר זען ווי אַזוי ער טויג זיך אויס צום פּאַפּיראָסן־האַנדל. אים וועט שוין אַ קונה דעם קאָפּ ניט פאַרדרייען.

אַזוי באַרימט זיך פאַר מיר דער איד, וואָס איך האַלט בא אים סטאַנציע און האַלט אין איין דאַנקן דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט אים געבענטשט מיט אַזאַ קינד, וועלכער ברייננגט אים שוין אַריין די פּרנסה אין שטוב אַריין. ס'נאָר אַנ'עברה, זאָגט ער, וואָס זיינע צוויי קינדער, אַ אינגאַלע פון צען יאָר און אַ מיידאַלע פון ניין יאָר, זיינען בא אים פאָריגן זומער, לא עלנו, אומגעקומען פונם גוטן שלאַפקייט ניט איצט געדאַכט ניט דאָ געדאַכט.

די עלטערע קינדער ווילן פון אים גאָר ניט וויסן, איז טאַקע דער קליינער אינגאַלע זיין איינציקער מפרנס. דער חסרון זאָגט ער, איז נאָר, וואָס דער מיליציאַנער דערקוטשעט אים. . . נאָר דער אויבערשטער פירט יאָקאָם אויס.

לאַנג האָט זיך מיין בעל אכסניא גע־ישוב'ט ביז ער האָט זיין אינגאַלע געמאַכט פאַר אַ פּאַפּיראָסן־סוחר. וואָס־זשע זאָל ער געווען טאָן, אַז לערנען האָט ער אים ניט וואו, שיקן אים אין חדר איז אַנ'אַרויס געוואָרפענע זאַך. זעקס יאָר האָט ער אים געהאַלטן אין חדר און וואָס קען ער — גאָר־ניט.

— וואו האָט איר דען, זאָגט ער, אַמאָליקע חדרים און יענע מלמדים? ס'געווען אַנדערע צייטן. היינט איז נאָר אבי צאָל שכר לימוד, צי דו קענסט יע צי דו קענסט ניט. האָב איך זיך מישב געווען און האָב בעסער אים צוגענומען אַ לערער אויף אַ שעה און אַ גאַנצן טאָג האַנדלט ער. בעסער, טויזנט מאָל בעסער.

5

פיר אַ זייגער באַטאָג זיינען מיר, איך און מיין בעל אכסניא, אַוועק אין שול אַריין. פאַרשפּעטיקט האָבן מיר ניט. דער רב

איז נאָר־וואָס אַרויף אויף דער בימה און האַלט באַם אָנטאָן דעם טלית. פונדעסטוועגן, ווען מיר זאָלן געווען קומען אַ ביסאַלע פריער, וואָלטן מיר ניט געווען דאַרפן שטיין אין פּאָליש. אינווייניק איז שוין די גרויסע שול געווען געפּאַקט, בשום אופן ניט דורכצושפּאַרן זיך אפילו פון יענער זייט שוועל. קאָפּ אויף קאָפּ שטייט מען דאָרט אין שול און אפילו אין פּאָליש.

די הקדמה, פאַרשטייט זיך, הויבט דער רב אָן מיט שירים ותשבחות דער סאָוועטן־מאַכט, וואָס היט אָפּ די שה־פּזורה ישראל פון פּאָגראָמען. די ווייבער אין דער ווייבערשער שול כליפּען. דער רב וויקלט זיך דערווייל אריין אַ מאמר חז״ל ר׳ יהושע בן גמלא מיט זיינע חדרים, אַז נאָר אין זייער זכות האָט זיך ביז היינט געהאַלטן דער בני בכורי ישראל. ער גייט זיך אַוועק אין אַ מדרש און זינגענדיק אַזוי, שפּאַצירט ער זיך אריין נאָך אין אַ מאמר חז״ל וועגן ר׳ יהודה בן בבא, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע „גאָניעניעס״ (רדיפות) אויף אונזער הייליקער תורה, איז ער אַוועק אין דער אונטער־ערד צו מרביץ תורה זיין. וואָרן, רבותי — הויבט דער רב שוין אויף זיין קול — איר זאָלט וויסן זיין, דאָס אין אַלע צייטן עומדים עלנו לכלותנו, און מיר קומען אַלעמען איבער. וואו איז אשור, וואו איז בבל און אַלע אַנדערע געזונטע אייזערנע פעלקער, וואָס האָבן אונזערע אָבות צרות אָנגעטאָן, וואָס האָבן אויף זיי גוזר גזרות געווען? פון זיי אַלע איז קיין שריד ופליט ניט געבליבן און דער אתה־בחרתנו־פאָלק, דער איד, לעבט, איז געבליבן לעבן און וועט לעבן. מיר זיינען שטאַרקער פון אַלע גזרות אין אַלע צייטן און מיר׳ן איבערקומען אויך . . .

די ווייבער וויינען. די אידן קוקן זיך איבער איינער מיטן צווייטן און שושקען זיך: „איר הערט דבורים! אַלע קאָמוניסט־לאָך ליגן דאָך באַ אים איבער גאַנצענע טעג אין שטוב״. פון

דעם עולם אין שול האָט עפּיס איינער זיך אָנגערופן אויפן קול:

— רבי, פאַרגעסט ניט וואו איר זיינט!!!

דאַמאָלס האָט ערשט אַרויסגעדונערט דער קול פונם רב:

— וואָס הערן מיר אייך? מיר זיינען שטאַרקער פון אייך! מיר'ן זען, ווער וועט וועמען מנצח זיין!!! מיר האָבן צו וועמען זיך ווענדן, די וועלט איז ניט הפקר!!!

וואָס דער רב האָט ווייטער גערעט איז שוין געווען שווער צו הערן. אין שול ווערט אַ געשריי און גערפולדער. אין אַ ווייל׳ע אַרום הערט זיך שוין דער באַקאַנטער ניגון „יתגדל ויתקדש שמיה רבא.“ נישקאָשע די הונדערטער יתומים, וואָס סאָווינקאָווס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס האָבן אַריינגעיאָגט אין דאָבלי קענען מיט זייער קדיש איבערשרייען דעם גרעסטן טומל. פון מזרח־וואַנט הערט זיך דער „והוא רחום יכפר עון.“ דורך די גרויסע ברייט געעפנטע טירן גייען צענדליקע אידן אַהיים, אַרומריידנדיק דעם טומל און עס טוט זיך מעשים. אַ איד מיט גרייז־גראָע באָרד און פּאות שטייט דאָרט אין זייטיקן שול־שטיבל און איז פאַר אַ רעדל מענטשן גאָר מרעיש עולמות!

— איינס פון די ביידע, האַלט ער אין איין שרייען און מאַכן מיט די הענט — איינס פון די ביידע. אָדער צבוע'קעס אָדער סתם שוטים גמורים דאַרף מען זיין כדי ניט תופס זיין וואָס דאָ קומט פאָר. הערט נאָר אַ מין השגחה—באַ אזא גוואַלדאָוונער צייט, וואָס די סאָוועטן־מאַכט לעבט דאָ איבער צוזאַמען מיט אונז אַלעמען; ווען אַרום און אַרום זיינען מיר אַרומגערינגלט מיט שונאים, וועלכע מאַכן איבער אונז די שרעקלאַכסטע פּאָגראָמען און די סאָוועטן־מאַכט איז די איינציקע וואָס באַשיצט אונז; אין אַזאַ צייט, ווען ס'אַ מלחמת מצוה און מ'דאַרף צונויפנעמען אַלע כחות פונם לאַנד כדי מנצח זיין דעם הונגער, שלאָפּקייטן און אַלע אַנדערע פּורעניות'ן; די באַנען גייען ניט כשורה,

ווייל ס'ניטאַ נענוג קוילן און האָלץ, — אַט איצט איז עס אַ זמן צוינויפנעמען דעם אידישן עולם אין שול אריין און סטראַשן — וועמען? דעם סאָוועט, דאָס מיר האָבן וואו זיך צו קלאָגן, די וועלט איז ניט הפקר?! קומט דאָך טאַקע אויס, דאָס מיר, אידן האָבן עפּיס פאַרבינדונגען הינטן־אַרום מיט עמיצן פונם צד שכנגד און ער וועט זיך עס אָננעמען אין אונזער קריוודע קעגן דער ראַטן־מאַכט. איר פאַרשטייט וואָס דאָס מיינט?! דער איד בייגט איין זיין גרייז־גרויען קאָפּ, ווי ער וואָלט באַ עמיצן געזוכט אַנ'ענטפער, און רעט ווייטער:

— און אין וואָס'ר קריוודע, וואָלט איך אַ בעלן געווען וויסן! די גאַנצע צייט האָב איך מער ניט געהערט חדר—אַהין, חדר — אַהער. צי דען זיינען מיר דאָס ערשט געקומען פון יעהופּעץ און מיר ווייסן ניט אונזערע חדרים? נאָך איידער די רעוואָלוציע איז געקומען האָט זיך דען עמיצער פון אונזערע חשוב'ע בעלי בתים אינטערעסירט מיטן חדר? האָבן זיי דען דאַמאָלט־נאָך ניט געשיקט בעסער זייערע קינדער אין די רוסישע שקאָלעס, אויב זיי האָבן דאָס נאָר געקענט אויספירן, איידער אין די אידישע חדרים?

און צווייטנס (טוט דער איד אַ געשריי) אפילו אז מיר'ן זאָגן „הזהרו בבני העניים שמהם תצא תורה" (זייט פאָרזיכטיק מיט די קינדער פון די אָרימעלייט פון וועמען תורה וועט גע־לערנט),— וועט עמיצער פון אונז זיך וועלן אָפּנאַרן, דאָס אין היינטיקע חדרים און ביי היינטיקע מלמדים וועלן זיך קינדער פון אָרעמעלייט אויסלערנען תורה?

דער עולם צוהערער ווערט אַלץ גרעסער ארום דעם אַל־טעטשקען, וועלכער רעט אַלץ מיט מער ענטוזיאַזם. איינער מיט אַן אונטערגעפּוצט בערדל פּרואווט וועלן שטערן דעם דאָזיקן שמועס, וואָס ווערט אַלץ אינטערעסאַנטער פון מינוט צו מינוט,

באַגעגנט ער אַ „ברוך הבא" און ווערט אַנשוויגן. איינער פון עולם טוט אַ געשריי: „זאָל נאָר קיינער ניט פּרואוון וועלן פאַר־זאָרגן די קינדער פון די אָרעמעלייט. אויף דארויף איז פאַראַן אַ סאָוועטן־מאַכט". ביסלאַכווייז ווערט דאָס „רעדל" אַזוי גרויס, אַז ס'ווערט שוין ממילא פאַנאַנדער געטיילט אויף פאַרשידענע טיילן, וועלכער יעדער פון זיי האָט שוין נאַטירלאַך זיינע באַ־זונדערע רעדנער.

איינער פון די רעדנער שרייט אַריבער אַלעמען מיט זיין יונגען שטאַרקן קול:

— אויב די סאָוועטן־מאַכט וועט איצטער פאַרשווייגן דעם דאָזיקן שול סקאַנדאַל, אין דער צייט ווען די צערקאָווניע שקאַ־לעס פאַרוואַנדלט זי אין טרודאָוואָיע שקאָלעס און די גלחים טאָרן ניט מאַכן קיינע פאַרזאַמלונגען, — וועלן טאַקע די אַנטי־סעמיטן קענען שרייען נאָך מערער, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז ניט מער ווי אַ זשידאָווסקע זאַסיליע.

אַ שאָד, וואָס צו מיין באַן אָפּגאַנג איז מיר פאַרבליבן אַזוי ווייניק צייט, אַז איך האָב געמוזט איבערלאָזן דעם שמועס און גיך לויפן אויף מיין אַכסניא. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך דעם אינגאַלע, דעם פּאַפּיראָסן־סוחר. ער האָט זיך עס מיט מיר אָפּגערעכנט וואָס ס'קומט פון מיר סטאַנציע־געלט.

אין עטלאַכע טעג אַרום האָב איך אין באַרדיטשעוו געהערט דערציילן אין משניות־קלייזל, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט אַרעס־טירט דעם דאַבליר רב דערפאַר וואָס ער האָט „געלערנט מיט קינדער תורה."

— דאָס הייסט קדוש השם! — האָט דער עולם אין משניות־קלייזל געשמאָטשקעט מיט די ליפּן און אַנדערע האָבן צוגעגעבן:

— אָט דאָס הייסט אַ קדוש!

אָפּגעלאָזט דעם שדוך

די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד

1

מאַניטשקע, האָט מען איר גערופן אינם אויעזד־שטעטל, וואו זי איז געוואַקסן בײַ איר פאָטער ר' שמואל סופר. אַ גע־ראָטן מיידל געווען.

—מיט אַלע מעלות!—פלעגן די ווייבער פון די געמויערטע קלייטן איר נאָכזאָגן אַ שבח, ווען זי פלעגט אַלע דאָנערשטיק גיין איבער די קראָמען קלייבן אַ נדבה פאַר די שטעטלדיקע אָרימעלייט אויף שבת. אַגאַנצע וואָך איז זי פאַרנומען מיט באַלעבאַטישקייט. פאַרט אַ מיידל פון 18 יאָר אָן אַ מוטער און אַליין אַ בת יחידה. דערפאַר איז אָבער דער דאָנערשטיק געווען אינגאַנצן אירער. פון נאָכמיטאָג ביז שפּעט אין אָוונד האָט זי זיך ניט פאַרגונען אפילו אַ רוהיקן טרונק־וואַסער טאָן, אַלץ געהאַלטן אין איין ארומגיין און נדבות פלעגט זי מאַכן אָהן אַ שיעור.

— איר ניט געבן קיין נדבה, קען גאָר אין דער וועלט ניט זיין, ס'דאָך עפּיס מאַניטשקע! — פלעגן בײַ זיך אין הארצן באַ־דויערן די שטעטלדיקע קמצנים.

דער שווערסטער וויזיט איז פאַר איר געווען בײַ שלמה דעם שניט־קרעמער. דאָרטן זיינען די קלייט־משרתים עפּיס מאָדנע חברה געווען. פלעגן זיי זי נאָר אין קלייט דערזעען, פלעגן זיי באַלד אָנהויבן צווישן זיך אויפן קול: — „וואָס זאָגסטו ווי שיין זי איז? ביזט אַ מבין? עפּיס נאָר אַ בילד!" ווערט זי בשעת מעשה ווי ברוגז און לאָזט זיך שנעל צו דער טיר. דערמאָנט זיך פּלוצים איינער פון די חברה, אַז אַ נדבה דאַרף געבן ניט נאָר אַ בעל הבית; אַ קלייט משרת האָט אויך אַ נשמה, וועלכע פילט די נויט פונם ארימאַן. לאָזט דער בחור איבער קנין מיט מנין, פרעגט אויף גיך דעם בעל הבית צי האָט ער אים ניט צו לייען אַ צוואַנציקער אַ נדבה געבן. שטראָצט אוים אויף אים דער בעל הבית אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, ווי ער וואָלט זאָגן: — זעה

נאָר דעם שלעפּער, מיר שטייט־אָן צוגעבן אַ זעקסער און אים ווילט זיך דווקא אַ צוואַנציקער אַ נדבה געבן.

2

דער שענסטער בעל הבית אין שטעטל איז אברהם שרה־לאה'ס. ער איז דער גבאי אין גרויסן בית המדרש און דער גרעסטער בורר צו ווען די שטעטלדיקע אידן און אפילו קריסטן ווענדן זיך, ווען עס טרעפט זיך באַ זיי אַוועלכער ס'ניט איז סכסוך.

— גיין צום מיראַוואָי סודיאַ,— הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט פּראָשעניעס שרייבן און מיט אַ וואַרטעניש ביז ס'וועלן אָנקומען, ווייס איך ווען, די פּאָוועסטקעס; צום רב, להבדיל — איז אַנ' עסק מיט פּסק־געלט. און מער כאַפּט מען זיך אַריין צו אברהם שרה־לאה'ס, אַט דערציילט מען אים די טענות, אַט נעמט ער ארויס זיין שרייבפּענדל און פאַרשרייבט עפּיס דאָרט באַ זיך אויפן פּאַפּיר און אַט זאָגט ער שוין זיין חות־דעת און מ'גייט שוין שלום'דיק צוריק אין מאַרק אַריין. אַ איד אַ קרעמער האָט ניט קיין צייט צו וואַרטן טעג־ווייז אויף אַ פּסק. אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ אַבי פון דער האַנט.

אברהם שרה לאה'ס פלעגט מען שטענדיק טרעפן אין דער היים. וואו האָט ער דען צו גיין? מיט זיין פּרנסה איז ער פאַרזיכערט. זיין בן יחיד ברוך טויג זיך גאַנץ גוט אויס אין מסחר. דערפאַר איז טאַקע אַצינד אברהם שרה לאה'ס שפּייז־קלייט די גרעסטע איבערן גאַנצן געגנד. אין דעם משך פון די דריי יאָר, זינט ברוך האָט איבערגענומען באַם פאָטער די אָנ־פירונג פונם מסחר, האָט גאָר די קלייט באַקומען אַנאַנדער פּנים.

ניט איינמאָל האַלט זיך אברהם שרה־לאה'ס אין איין באַ־רימען, אַז באַ זיין ברוך'ן אַרבעטן אפילו די משרתים עפּיס אַנ־דערש, ער ווייסט, אַז כל זמן ער אַליין איז געוועזן דער בעל

הבית אין קלייט האָבן די משרתים בשום אופן מיט אים ניט גע־קענט אויסקומען. האָט ער געזאָגט טאָג, האָבן זיי געזאָגט נאַכט. און אַלעמאָל פלעגט זיך בא זיי טרעפן אַנדערע נסים: דאָ האָט זיך צוקער פאַרשאָטן, דאָ האָט דער אויל אויסגערונען. פון זינט זיין ברוך איז אין קלייט ווילן זיך גאָר, בא די זעלבע לאָבוסעס, אַזעלכע נסים ניט טרעפן. שאַ שטיל, אין דער בעס־טער אָרדנונג. און פרנסה איז עפּיס נאָך ווי מערער געוואָרן, כאָטש די משרתים אַרבעטן אַצינד ניט מערער ווי פון ניין אַזייגער אינדערפרי ביז זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט. דאַנקערשטיק גייען זיי אַ היים נאָך פריער ווי אַלע טעג.

איין דאָגה האָט אברהם שרה־לאה'ס געהאַט מיט זיין ברוך'ן: דער פריזיוו. שוין צוויי יאָר זינט ברוך איז אַלט גע־וואָרן אינם נייִנצענטן יאָר, האָט ער שוין אָנגעהויבן כלאָפּאָטשען אַ „פּערווע לגאָטע“ פאַרן בן יחיד און נאָך אַלע געלדער וואָס ער איז געווען גרייט זיך לאָזן קאָסטן האָט אים אָבער דאָך געמוטשעט דער געדאַנק „טאָמער וועט עס אָנקומען אַפילו צו ערשטע לגאָט־ניקעס.“ האָט אָבער דער רבונו של עולם זיך מרחם געווען אויף אים און האָט אים אויסגעלייזט פון דער דאָזיקער דאגה אויך. ער דאַרף שוין איצטער ניט זאָרגן פאַר ברוך'ס פריזיוו.

ס'דאָך אַרעוואָלוציע געוואָרן. אוים מלחמה, אוים סאָל־דאַטן און אוים פריזיוו. ממש אַ נס מן השמים און ווער קאָן נאָך זיך אַזוי משמח זיין מיט דער גאולה ווי אברהם שרה־לאה'ס. דאָ זעט ער דאָך באַשיינפּערלאַך, אַז דער אויבערשטער פאַרלאָזט אים ניט און טוט מיט אים אַזאַ חסד.

— גיי לערן דעם רבונו של עולם, ווי אַרום ער זאָל דיר ווייזן אַ דרך פון ישועה?!—דאָס זיינען געווען די ערשטע ווער־טער, מיט וועלכע דער אַלטער אברהם האָט אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג פאַר דער רעוואָלוציע, ווען ער האָט גאָר זיך דער־קונדיקט וואָס פאַר אַ שייכות זי האָט מיט דעם ענין פון פריזיוו.

און כדי די שמחה זאל זיין בשלמות איז אצינד פאר אברהם שרה־לאה'ס געבליבן נאך איין ענין אבצוטאן און שוין זיין פארזארגט, אם ירצה השם, מיט א רוהיגע עלטער. ער דארף אצינד א שידוך טאן מיט זיין ברוד'ן. איז שוין דא אין שטעטל אזא איד, וואס זארגט שוין פאר אזעלכע ענינים. דאס איז שלמה דער שדכן. ער האט שוין לאנג געטראכט, אז דער בעסטער שדוך פאר אברהם שרה לאה'ס איז ר' שמואל דער סופר. דאס וואלט אמת געוועזן תורה וגדולה במקום אחד. איז אבער די צייט אלץ געוועזן ניט קיין רוהיקע. אלעמאל אנדערע מאבילי־זאציעס און נייע פריזיוון, וועלכע פלעגן האלטן אין איין אויסליידיקן דאס שטעטל פון די יונגעלייט, און די, אפילו וואס פלעגן זיך אויסדרייען ציימנווייז פון דער מלחמה־מגפה זיינען בכלל געוועזן אין אזא צוטומלעניש, אז ס'געוועזן בפועל ממש אוממעגלאך צורעדן מיט זיי וועגן א תכלית, דאן ווען קיינער האט ניט געקענט וויסן וועמנס מארגן ס'איז.

מיטן אנקומען פון דער רעוואלוציע איז טאקע אין שטעטל גאר אנ'אנדער ליכטיגקייט געווארן. ס'אראפ די מורא און די מרה שחורה פארן פראנט. ווער פון די שטעטלדיקע יונגעלייט קען אצינד גאר טראכטן וועגן א פריזיוו בשעת גאנצע גרופעס פראנטעוויקעס פארלאזן דעם שלאכטפעלד ניט פרעגנדיק בא קיין עלטערע פון זיי און מיט דער פולער אמוניציע קומען זיי אהיים, זינגענדיק עפּים נײַ־מאדנע לידער.

האט זיך דאמאלט אנגעהויבן אין שטעטל א שדוכים־תקופה און צו יענער צייט איז אין א מזל'דיקער שעה ברוך אברהם שרה־לאה'ס און מאניטשקע ר' שמואל סופר'ס חתן כלה געווארן.

3

דאס ערשטע האלבע יאר נאך דער פעווראל־רעוואלוציע

4

איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען אַריינגעצויגן אין די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען דורך די פאַרשידענע פּאַרטייען טאָג־איין טאָג־אויס פאַררופן געוואָרן. אויסער די פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען טעטיג אין שטעטל נאָך בעפאָר דער רעוואָלוציע האָבן זיך אין די זעקס חדשים פון די שטעטלדיקע איינוואוינער אָרגאַניזירט אַ היבש ביסל נייע אָרגאַניזאַציעס מיט פאַרשידענע נעמען און פאַרשידענע אויפגאַבן און צוזאָגאַכצן. יעדע חברה האָט זיך געהאַט אירע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען און יעדע חברה האָט גערופן כל ישראל צו זיך, ווייל יעדע חברה האָט דאָך זיך גערעכנט פאַר דער איינציקער פאַרזאָרגערין פאַר כל ישראל. אַזוי אַרום זיינען אַלע אידן און אידענעס, אַבי נאָר ניט קיין געליימטע רחמנא לצלן, געווען שייך צו דער גרופּע, וואו זיי האָבן זיך געפילט „באַקוועמער“. די וועלכע האָבן די גאַנצע צייט כסדר ניט געקענט זיך איינהאַלטן אין איין געזעלשאַפט, האָבן פאַרשטייט זיך געהאַלטן אין איין אַריבערקלייבן זיך. ס׳געווען קיין עין־הרע ניט גענוג ערטער און פירמעס פאַר יעדן, ניט צו פאַרזינדיקן.

די דאָזיקע הרחבה און איבער־געזעטעניש אויף מיטינגען און כפל־שמונה׳דיקע דרשות האָט אָבער אַזאַ מין „זעטיגקייט“ געבראַכט פאַר די שטעטלדיקע אידן און אידענעס, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז זיי נמאס ומאוס געוואָרן יעדער רוף צו אַ מיטינג אָדער פאַרזאַמלונג, פון וואָס׳ער אַ אָרגאַניזאַציע ס׳זאָל ניט זיין. און אַזוי ווי פריער פלעגן זיי לויפן פאַרסאַפּעטע צו־הערן אַ „לעבעדיק וואָרט“ זיי זאָלן חלילה גאָר־ניט פאַרשפּעטיקן, אַזוי האָבן זיי נאָכער אויסגעמייד אפילו דעם דורכגאַנג אַרום אַזאַ הויז, וואו אַ מיטינג האָט געדאַרפט פאָרקומען.

פלעגן זיי נאָר דערזעען אויפגעקלעפּט אַ מעלדונג אויף די ווענט פון שול אָדער אין מאַרק, וועגן אַ מיטינג אָדער פאַרזאַמ־

לונג, אזוי זיינען זיי ווי פארציטערט געווארן און אנגעהויבן זיך בייזערן: — נאכאמאל בורזשואזיע, עקספלאטאציע און ווידער אמאל בורזשואזיע, עקספלאטאציע. ס'קריכט שוין פון האלדז.

אזעלכע שמועסן פלעגן זיך כמעט אלעמאל ענדיקן מיט א פראגע: „איך וואלט א בעלן געווען וויסן צי דארט אין קיעוו פארנעמען זיי זיך אויך מיט אזעלכע דברים בטלים? די רע־וואלוציע, אלס א געשעהענער פאקט, האט זיך שוין אזוי איינ־געבירגערט אין די מחות פון די שטעטלדיקע, אז פון א „צוריק ווענס" האט גאר זיך ניט געלאזט טראכטן. אהן שום אויס־רעכענונגען האט דאס שטעטל אינסטינקטיוו געפילט, אז וואס ס'זאל ניט זיין אבער די ראד וועט זיך שוין צוריק ניט איבער־דרייען, דער צאריזם וועט שוין אין רוסלאנד ניט געוועלטיקן, טא צו וואס־זשע באדארף מען דעם מבול מיט רייד אויף די אלע מיטינגען?

אפילו נאכדעם, אז אין שטעטל האבן זיך אנגעהויבן ארום טראגן די נייעס אז איין מאכט האט ארויס געטריבן די צווייטע און דאס שטעטל איז געווארן נייגעריק, איז אויך די נייגעריגקייט באשטאנען ניט מער ווי אין דעם, וואס פאר זיי איז אנטדעקט געווארן אנ'אויסגעצייכנטע נייעס, דאס דער גאנצער ענין פון מלוכות, ממשלות און טראגנען האט א ממש ווי גאר־ניט, א קינדער־שפיל — הייננט דער, מארגן אנ'אנדערער — א מין חד גדיא. א חוץ דעם איז זיי קיין שום נפקא מינה ניט וואס'ר א מלוכה ס'וועט דארטן אין קיעוו פראווען. אבי ניט צוריק דער צאריזם. ווארן פרנסה איז סיי ווי סיי א גאט זאך און קיינער פון די נייע מלוכות קען אויף דעם קיין ענטפער ניט געבן. א פארטיק אבגעשיילט אייעלע וועט קיינער פון זיי אייך ניט געבן.

צו ראש השנה צו האָט מען שוין אין שטעטל אָנגעהויבן הערן אויך אַזאַ מימרא:

— זאָל זיין וואָס ס'וויל זיך, אַבי מ'זאָל אונז ניט טשעפּן!
— דאָס איז געווען דאַן, ווען אין שטעטל האָבן אָנגעהויבן ארומגיין זייער ניט קיין פרייליכע נייעס. חיים אברהם ליב'ס וואָס איז אַנגעקומען פון קיעוו האָט דערציילט, אַז אין דער צענטראַלער ראַדע (אוקראַינישער פּאַרלאַמענט) האָט מען אַ אידישן דעפּוטאַט מכבד געווען מיט אַ „העט דאָ פּאַלעסטינאַ." אויף פּשוט מאַמע־לשון הייסט עס: „וואָס פאַר אַ מחותן ביזטו דאָ צו פאַראַנדקעווען, אין פּאַלעסטינא וועסטו איינפירן דיינע פּאַראַדקעס!"

— דעם דאָזיקן כבוד — דערציילט חיים — האָט דוקא באַקומען אַזאַ אידישער דעפּוטאַט, וואָס קיינער האָט אים ניט געקענט חושד זיין אין ציוניזם אָדער אין פּאַלעסטיניזם. אַליין איז ער גאָר אַ סאָציאַליסט, דער לידער פון אוקראַינער „בונד". באַקומען האָט ער דעם אָ כבוד דוקא אויך פון אַ סאָציאַל דע־מאָקראַט, אַ אוקראַיניץ. און נאָכמערער — דרינגט חיים אברהם ליב'ס — איז די זאַך פּאַרדראָסיק, וואָס דעם פּאָליטישן „פּאַשאָל וואָן" האָט מען אים געגעבן דוקא ווען ער האָט מיט אַזויפיל מסירות נפש, אין זיין הריי שעה'דיקע רעדע פון דער פּאַרלאַמענט בימה, געוויזן אַ וועג פאַר די אוקראַינער, ווי אַרום איינהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט און ניט פאַר־שכור'ט ווערן פון בלינדן שאָוויניזם, וועלכער וועט זיי טרייבן אין דער ערד אריין.

אַנדערע שטעטלדיקע האָבן זיך שוין געפונען, וואָס הערנ־דיק אַזאַ גרוס פון קיעוו, האָבן געדרונגען אַ אידישן „גם זו לטובה".

— ס'וועט נאָך גוט זיין — האָבן זיי גע־טענה'ט — אַז

די היידאַמאַקעס, דעם צדיק כמעלניצקעס אייניקלאַך, וועלן יוצא זיין מיטן שיקן דעם אידן אַ „לעבעדיקן" קיין פּאַלעסטינאַ, אַבי ניט אין דער ערד אַריין.

די גרעסערע מרה־שחורה'ניקעס האָבן צוגעגעבן: „הלואי זאָלן מיר בלייבן די נאַראָנים. ס'זאָל זיך חלילה די גאַנצע סלאַבאָדע ניט ענדיקן מיט אַ נייער גזרת ת"ח.

אַלע אַזעלכע שמועסן האָבן אָבער כמעט ווי גאָר ניט געווירקט אויף דעם שטעטלדיקן אָרט לעבן. אַזעלכע שמועסן דינען מערסטנס טייל אַלס אַ „אינטערעסנע מעשה," אין קלויז באַ דער הרובע אָדער באַ מנשה דעם מעשאָנזניק אויפן גאַנעק און ענדיקן זיך מיט אַ אידישן קרעכץ און „מיילע".

— מיילע, ניט מיר האָבן די וועלט באַשאַפן און ניט מיר זיינען משה־מחויב צוזאָרגן פאַר איר.

4

אומרוהיק איז דער עולם געוואָרן ווען מ'האָט דערהערט, אַז אין פּראָסקוראָוו האָבן די פּעטלורישע היידאַמאַקעס אויסגעשאָכטן די אידישע באַפעלקערונג און קיינעם ניט געשאַנעוועט. דאַמאָלס האָבן שוין די שמועסן סיי אין קלויז, סיי באַ מנשה דעם מעשאָנזניק געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן אינהאַלט. דער עולם האָט דערפילט, אַז די וכוחים אין דער צענטראַלער ראַדע צווישן די אוקראַאינער און די אידישע דעפּוטאַטן פון איין זייט און די בלוטיקע געשעענישן וואָס האָבן געטראָפן די אידן אין פּראָסקוראָוו, — אָט דאָס אַלעם איז עפּיס אַנ'אָנזאָג אויף גאָר־ניט קיין פרייליכע צייטן, אין קלויז האָבן די גרעסערע מרה־שחורה־ניקעס באַקומען די אויבער־האַנט.

— האַ, האַ, האָבן זיי גע־טענה'ט, וואָס האָבן מיר געזאָגט? אָט האָט איר דאָך שוין די התחלה פון גזרת ת"ח. מ'הרג'עט, מ'שטעכט, מ'קוילעט, נו — און וואָס ווייטער?

אַט דער „וווייטער“ איז געבליבן הייגגען ווי אַ שרעקליכע שטיק כמאַרע, וועלכע האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן האָריזאָנט פונם שטעטלדיקן אידישן לעבן און קיינער האָט ניט געהאַט דאָס פּאָסיקע שוץ־וואָרט אָדער לכל הפּחות אַ לפי־שעה'דיקע טרייסט־וואָרט.

באַ מנשה דעם מעשאַנזניק אויפן גאַניק, וואו ס'פלעגן זיך צונויפקומען מערסטענס טייל בעלי מלאכות און קצבים, האָט שוין די מעשה פּראָסקוראָוו ארויסגערופן גאַנץ אַנדערע פלענער. איבערהויפּט האָבן די קצבים געהאַלטן אין איין „טרעבעווען“:

— לאָמיר זיין גרייט, אידן! — האָט געהאַלטן אין איין שרייען שמשון חנה־פּעסי דער קצב'טעס זון, אַ הויכער געזונטער בחור פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק און זיינע רויטע באַקן זיינען דאַמאָלס נאָך רויטער געוואָרן. ניט אומזיסט האָבן אים די יונגע חברה אַנאָמען געגעבן שמשון הגבור.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — מירן ליגן ווי די געפּעגר־טעטע קעלבער און וואַרטן ביז דער היידאַמאַקעשער חלף וועט אונז אויסשעכטן, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין פּראָסקורראָוו!?

שמשון רעדט אַלעמאָל מיטן „ר“, אָבער די ריישן פון „פּראָסקוראָוו“ האָבן דאָס מאָל אזוא גרילין געטאָן, ווען ער האָט אַ הויב געטאָן אין דער הויך זיינע פעסט פאַרמאַכטע פויסטן, אַז דער גאַנצער אַרומיקער עולם בעלי מלאכות און קצבים האָט ווי אַ שפּרונג געטאָן פונם אָרט.

— אודאי וועלן מיר ניט זיין ווי דאָס געוואַנט אונטערן פּרעס־אייזן! — האָט אונטער געהאַלטן איינער, באַ וועמען אין לאַץ זיינען אַריינגעשטעקט עטליכע נאָדל־פּאָדעם.

איינער פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, איינגאַנצן אַ פּאַרסאַ־זשעטער, שרייט:

— מיר'ן ניט ליגן אויף דער קאָוואַדלע, אַז יעדער גראַביאַן

זאָל אונז האַלטן אין איין קלאַפּן און טאָן מיט אונז, וואָס זיין טרפה'נע האַרץ גלוסט.

— ס'דאָ צווישן אונז אַ סך, וואָס זיינען אויסגעשטאַנען כל'ערליי צרות אויפן פראָנט אין דער מלחמה, מיר'ן זיך נעמען צו דער ביקס און קעמפן אויף אונזער אייגענעם פראָנט! —שרייט איינער איינגעהילט אין אַ רעקל פון שינעלן־שטאָף.

די לעצטע ווערטער זיינען ווייזט אוים געפעלן געוואָרן דעם עולם און אַלע האָבן אָנגעהויבן שרייען: „ביקסן!" „ביקסן!" דער באַגייסטערטער עולם האָט זיך אָבער אָנגעהויבן ארומקוקן איינער אויפן צווייטן מיט אַ שטימער פראַגע: „וואו־זשע נעמט מען די ביקסן?!"

קיינער האָט אָבער אויף דער פראַגע קיין ענטפער ניט גע־קענט געבן. חיים שלמה דער איינבינדער האָט זיך נאָר אָנגערופן:

— —וואָס זיצן זיי דאָרטן, די אידישע דעפּוטאַטן, אין דער צענטראַלער ראדע? פאַרוואָס פאָרן זיי בעסער ניט אַראָפּ אין די ארומיקע שטעט?

אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן פילן ניט קיין פאַרלוירנ־קייט, נאָר אַ ביטערע קריוודע און אַ אומבאַגרענעצטער צאָרן. אַ אינוויינינקסטער געפיל האָט יעדערן גערופן זיך אַנטקעגן שטעלן די פּאָגראָמשטשיקעס מיט וואָפן אין די הענט און ניט נאָר וואַרטן ביז די היידאַמאַקעס וועלן אהער קומען און דאָ זיי געבן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד, נאָר טאַקע גיין זיי אַנטקעגן אין די אידישע ישובים, וואו זיי אַפּערירן איצט און נקמה נעמען פון זיי פאַרן פאַרגאָסענעם אידישן בלוט. די געשעהענישן מאַכן אָבער צו שנעלע טריט. די פּאָגראָם־כוואַליע פאַרשפּרייט זיך מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ. מ'הערט שוין פון אַ ניי־צעטל פּאָגראָמען אין אַ רייע אידישע שטעט באַ פאַרשידענע באַן־ליני־

יעס. אַ היבשע צאָל פּאָגראָמען זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פאַר די לעצטע טעג דורך די פּעטליורישע אַרמיי־טיילן, וואָס ציען אָפּ לאַנגזאַם פון קיעוו. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז קיעוו וועט פּעטליורע אָבגעבן אָן אַ געשלעג און וויל מיטן וועג פון זיין איצטיקער אָבטרעטונג אַנזאַמלען פרישע גרויסע קרעפטן, כדי ער זאָל קענען מיט אַמאָל צושמעטערן די רויטע אַרמייער און באַזיגען די באָלשעוויקעס לעולם ועד.

פּעטליורעס הויפּט באַזע פון וואַנען צו שעפּן מענטשן מאַ־טעריאַל איז דער דאָרף. אהין קומען זיינע אַטאַמאַנעס, מער־סטענטייל די דאָרפישע לערער, און פירן אַ אויפקלערונגס אַר־בעט צווישן די פויערים. מ'אַגיטירט זיי קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס פאַרכאַפּן די מאַכט אין שטאָט.

— —מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז די שטאָט זאָל הערשן איבערן דאָרף! — דאָס איז געווען דער שלאַג־וואָרט, מיט וועלכן די פּעטליורישע אַגיטאַטאָרן זיינען אין זייערע רעדעס אַרויסגע־טראָטן אויף די פויערישע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען און ס'האָט אין זיך געהאַט גענוג שטאָף צו אויפרודערן אין דער פויערישער מאַסע אַ תהום פון אויפרייס־מאַטעריאַל. פאַר די פויערים איז מיט אַמאָל אַזוי בולט אַוועק געשטעלט געוואָרן אַזאַ קלאָר בילד פון זייער אייגענעם ביז איצט לעבן, אַז זיי האָבן זיך פלוצלונג פאַרקליבן מיט ביידע הענט אין דער געדיכטער טשאַפּרינע און הערנדיק מיט אָפענע מיילער זייערע לערער אַגיטאַטאָרן, מורמלען זיי צווישן זיך — אַ שאַ, כאַבאַ צע ני פּראַוודע? (וואָס־זשע, איז עס דען ניט אמת?).

אָט דער גיפט וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דאָרף אין באַצוג צו דער שטאָט האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ טויט־סכנה דעם גאַנצן אידישן פאָלק, (אַלס אַ שטאָט עלעמענט) אָן אונטער־שיד פון קלאַס און שטאַנד איבערן גאַנצן שטח פון דער ווילני

אוקחאינע (פרייע אוקראינע), וואו פעטלורע האט זיך פארמאסטן צו ווערן א הערשער.

5

די סכנה האט סוף כל סוף ניט אויסגעמידן דאס א אויעזדנע שטעטל. אין א דאנערשטיק באטאג, ווען די שטעטלדיקע איינוואוינער זיינען פארנומען מיטן ארייננבריינגען דעם שבת און די קצבים מיט די בעלי מלאכות זיינען עוסק אין „רעדן" וועגן ארגאניזירן א זעלבסט־שוץ, קומט א פארסאפעטער הערשל דער קברות־מאן און ברייננגט מיט זיך די בשורה, אז ער אליין האט געזען פון הינטער דעם בית עולם א ראזוועדקע פון עטליכע באוואפנטע, ווער זיי זיינען ווייסט ער ניט, ער האט נאר געזען זייערע היטלען. עפיס טראגן זיי באראשקענע היטלען מיט געלע סיטצענע קאלפאקעס און דער פרענז וואס איז צוגענייט אויפן שפיץ קאלפאק איז אראפגעבויגן און צוגעשפילעט צו דער היטל ביז אראפ.

ווען מ'האט אין שטעטל דערהערט אט דעם סימן איז שוין קיין ספק ניט געווען, אז די פעטלוראוועצעס קומען און נאך איידער די אידן האבן אוספייעט פארשליסן זייערע קראמען האט שוין דער דריי און צוואנציק יאריקער אטאמאן מיט זיינע צוויי באגלייטער דערנעענטערט זיך צו די געמויערטע קלייטן. דארטן האט ער באגעגנט מאנישקען ארויסגיין פון בעריל דעם זייפנמאכערס קלייט. ס'דאך דאנערשטיק, גייט זי דאס זאמלען די נדבות פאר אירע ארימעלייט אויף שבת.

דער דאזיקער אטאמאן האט גע־שם'ט איבערן געגנט פארן גרעסטן אידישן רוצח און די דיסציפלין וואס ער האט געהאלטן אין זיין אטריאד איז אויך געווען אפגעהיט מיט דער גרעסטער רציחה. אן זיין באפעל האט זיך קיינער פון ארט ניט גערירט.

אין הלכות פאגראמען איז זיין שיטה געווען א גאנץ אריגינעלע און פראקטישע. ער האט ניט ליב געהאט זיך שטעלן

דינגען מיט זיינע קרבנות צוליב די קאָרבאָוועצעס און אַנדערע שאַצבאַרע זאַכן, וואָס ער האָט אַבצונעמען בא זיי איידער ער דער־הרג'ט זיי. דאָס אַ דינגעניש האָט ער געהאַלטן אינגאַנצן פאַר איבעריק. בעסער איז פריער אומברייגגען די זשידעס און נאָכער בלייבט שוין ממילא זייער האָב און גוטס פריי און הפקר, כאָטש גיי און שאַר דאָס צונויף מיט די לאָפּעטעס. אין קבר וועלן זיי דאָך דאָס ניט מיטנעמען.

אַגב, ווער פון זיינע קרבנות האָט דען זוכה געווען צוגעניסן ווי בא לייטן דעם טעם פון אַ קבר. ער האָט ניט געהאַלטן פון אַזעלכע חפציות, ווי זיינע קאָלעגען פלעגן זיך נוהג זיין מיט זייערע קרבנות, ווי שפּאַלטן בייכער, שניידן ברוסטן און האַקן די שאַרבנס פון די קעפּ, אַז דער מח זאָל אַ פליוכקע טאָן אויף דער ערד. לויט זיין מיינונג איז דאָס אַ פּשוט'ע משוגעת און אַ ווילדקייט, ווי פון פאַר משותלח'ס צייטן, זיך עסק'ן מיט יעדער זשידיוואַ באַזונדער. אַ מער איז דאָך טויזנט מאָל גלייכער צו־פאַרטרייבן אַלע אידן, ווי ס'נאָר דאַ ערגיץ אַ לעבעדיקער נפש, אין שול אַריין, אַרומגיסן זי מיט נאַפט און זי אַזוי אונטערצינדן, אַז מיט איינמאָל זאָל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבן.

בא דער הדלקה מוז ער אַליין זיין. אָן אים טאָר מען דאָס ערשטע שוועבעלע ניט אָנצינדן. צו אַזאַ אַרבעט דאַרף מען ניט האָבן קיין סך היידאַמאַקעס. דאָס קען אָבגעטאָן ווערן דורך אַ פאַר כלאָפּצעס. צונויפטרייבן די זשידעס אין זייער סינאַגאָגע קומט אויך ניט אָן שווער. די נויטיקע צאָל בלעטלאַך ווערט אויפגעקלעפּט בא די ווענט מיט אַ שטרייגגען באַפעל, אַז ווער ס'וועט באַלד ניט אַוועק מיט אַלע זיינע נפשות אין שול אַריין, וועט מען פון זיי לעבעדיקערהייט שטיקלאַך שניידן און וואַרפן פאַר די הינט, — און אַלע קומען שוין פּונקטלאַך צו דער מינוט.

6

די ערשטע פראַגע בײַ דער ערשטער באַגעגעניש, וואָס דער אטאמאַן האָט אין אַ סוד פון זײַנע באַגלייטער געפרעגט בײַ מאַנימשקען, ווען זי האָט שמייכלדיק מיט אירע שוואַרצע שטראַ־לענדיקע אויגן אַרײַנגעקוקט גלייך אין זײַנע קאַרע אויגן, איז געווען: „צי ווייסט ניט די זיסע מיידל, וואו אַנ'אַטאַמאַן פון דער ווילדער אוקראַינע קען טרינקען אַ גלעזל טיי און פאַרברענגען אַ גוטע שעה?

קיין איין סעקונדע ניט געטראַכט, נאָר וואָס אירע צוויי שאַטענדיקע גריבלאַך, וועלכע האָבן אָפּגעגרעניצט אירע שמאָלע רויטע ליפּן פון די רומיאַנע בולט'ע באַקן זײַנען געוואָרן אַביסעלע טיפער, האָט זי דורכגעזויגן דורך אירע ווײַסע גלייכע ציין צוויי ווערטער:

— בײַ מיר!

די דאָזיקע אײַנלאַדונג און איר גאַנצע האַלטונג האָט פאַר־מאָגט אין זיך אַזויפיל גראַציע און מאַגנעט, אַז אין איין הרף עין איז שוין דער אטאַמאַן געשטאַנען אויף דער ערד און איבער־געבנדיק זײַן פערד צו די באַגלייטער פאַראָרדענט ער:

„מיקיטאַ זאָל צופאָרן צו דער סינאַגאָגע, וואו די זשידעס קלייבן זיך איצט און כוועדקאָ זאָל, האַלטנדיק מיט זיך ביידע פערד, נאָכגיין נאָך אים פאַר באַזונדערע שליחות'ן

אין איניקע מינוט אַרום זײַנען שוין די בלעטלאַך צוקלעפּט געוואָרן איבערן שטעטל אונטערן קלאַנג פון די שליסלען מיט וועלכע די קרעמער האָבן זייערע געשעפטן געשלאָסן. דאָס איז געווען די שרעקליכסטע שעת נעילה פאַר דער אידישער באַפעל־קערונג. יעדער האָט געוואוסט, אַז די מינוטן פון לעבן זײַנען געציילטע. דאָ העלפט ניט קיין רחמים ותחנונים, אַלע מוזן אונטערגיין און אין דעם גרויזאַמען שוידערליכן מאָמענט איז דאָס

מאַניטשקע געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פונם אטאמאַן פונקט ווי אַ געליבטע גייט מיט איר באַליבטן פאַר אַן'איינגענומענעם שפּאַציר.

נאָכקוקן, וואו ער פירט זי האָט מען מורא געהאַט. און סיי ווי סיי קען מען דען די צרה אויסמיידן? מ'איז אָבער באַלד געוואָר געוואָרן, אַז זיי זיינען אַוועק צו איר אַהיים. און אין דעם גרויסן טיפן יאָמער פון דעם איצט געפּאַקטן שול עולם האָט זיך געהערט אַ שטיל שוואַכער אָבער אַ האַרצרייסנדער קול:

— זי איז צוליב אונז אַ קרבן געפאַלן!

דאָס האָט אַזוי געוויינט חסיא די אַלמנה פאַר אירע אָבגע־ריסענע בלאַסע יתומים'לאַך, וועלכע האָט זיך ערנערט פון די נדבות, וואָס מאַניטשקע פלעגט זאַמלען פאַר די שטאָטישע אַרימעלייט.

ווער האָט אָבער געקענט הערן אָט דאָס געוויין, אַז אַלע זיינען געוועזן פאַרטאָן אין זייערע אייגענע געדאַנקען, אַז אָט־אָט וועלן זיי אַלע ווי טרוקן האָלץ פלאַקערן אינאיינעם מיט די ספרי תורה און אפילו צו קבר ישראל ניט קומען.

אָבער די צייט ציט זיך אַזוי לאַנג, יעדע סעקונדע — אַ וואָך, יעדע שעה — אַ יאָר. צו מנחה־צייט איז שוין דער גאַנצער עולם געוועזן אין שול. מנחה־מעריב האָבן זיי געמוזט דאַוונען ביחידות, מ'זאָל פון זיי קיין שאָרך ניט הערן. אַזוי ציט זיך אַזוי שווער די מאַוים'דיקע צייט אין דער געדריכטער שול־פינסטערניש. דער זייגער קלינגט שוין עלף. זייער שומר, דער היידאַמאַק דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום אַרום דער שול און יעדער בלישטש פון דעם פייער פון זיין ציגאַר הרינגט אַריין דורך די שול־פענסטער אין די הערצער פון די זיפצנדיקע קרבנות, ווי טויזנט גהינום'שע פייערן און קיין סוף נעמט נאָך אַלץ ניט.

ווייל פונקט ווי באַ די דאָזיקע קרבנות האָט זיך די צייט

אַזוי מורא׳דיק אויסגעצויגן, אַזוי איז באַם אַטאַמאַן אין דער אַנוועזנהייט פון מאַניטשקען די צייט געפלויגן ווי די שנעלקייט פון אַ בליץ. די האַלטונג און אויסזען פון מאַניטשקען, ווען זי איז געזעסן בא אים אויפן שויס, קוקנדיק אים אין די אויגן אריין און שפּילנדיק זיך מיט אירע סאַמעט ווייכע הענט איבער זיין געזיכט, צי ווען זי האָט זיך אַרומגעדרייט שפּרינגנדיק אין שטוב צו גרייטן די טיי און אָונדברויט, — איז געווען אַזוי ניט־גע־צוואונגען שטיפעריש־פריי און ווילינג, אַז דער אַטאַמאַן האָט איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס שיינע רייצנדע מיידל איז בא אים כחומר ביד היוצר, טאָן מיט איר וואָס ער וויל, געגנטייל, ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ אינווייניגסטן געפיל, אַז ער איז איצט אין די פולע מיידלשע אַלבאַסטרע הענט, ווי אַ קליין הילפלאָז קינד, וועלכער געפינט זיך אינגאַנצן רשות פון זיין באַליבטער מוטער און טוט אַלץ, וואָס זי באַפעלט.

— פוי, טיערפּעט ניע מאַגו! — טוט זי אים אַ זאָג, ווען אירע שוואַרצע לאָקענס געבן אַזוי שעלמיש אַ פאַל איבער אירע חן־גריבלאַך, איינע פון אירע גרויסע חן־קוואַלן, און ווייזט אים אויפן רעוואָלווער און קינזשאַל, וועלכע זיינען איינגעפּאַסט אינם ברייטן געלן לעדערנעם גאַרטל, וואָס ער איז מיט אים אַרום גע־גאַרטלט. כאַפּט זי פון אים אַ קוש און אַ זאָג:

— טו מיט אים, וואָס דו ווילסט!

אָבער נאָך איידער זי הערט דאָס האַלט זי שוין אין אָב־שפּילין דעם גאַרטל. גייט דאָס בא איר צו שווערלאַך, העלפט ער איר, און ווען זי האַלט שוין דעם גאַרטל מיטן רעוואָלווער און קינזשאַל בא זיך, גיט זי ערשט אַ שוועבנדן שמייכל איבער זיין געזיכט מיטן דינעם פּאַסיקל, וואָס איז צוגענייט צום סוף גאַרטל, אויסזינגנדיק דערביי:

— האַ אַ אַ אַ ! האַ אַ אַ אַ ! — אינם נוסח ווי מען באַ־

גליים אַ ליבן שמיצל איבער אַ צופּעסטעט קינד און דער בריי טער גאַרטל מיטן רעוואָלווער און קינזשאַל ליגן שוין אונטער דער סאָפע, אויף וועלכע זי פאַרברייננגט מיט אים אצינד.

עסן וויל ער ניט, אַפילו טיי אויך ניט, ער וואָלט טעג־ווייז ניט געגעסן און ניט געטרונקן, זאָגט ער, אַבי האַלטן אין איין זיצן און שמועסן מיט איר.

זי פּירט אַרוים איר אַלבאַסטערן פולן נאַקן פון אונטער זיינע הייסע ליפּן און ענטפערנדיק אים מיט אַ קוש אין שטערן זאָגט זי אים:

— איך וואָלט אויך געקענט ווייזן אַזאַ העלדישקייט מיט דיר צוזאַמען, דאָך האָב איך ליב עסן און טרינקען און.... שפּרינגען.

זי טוט דערווייל אַ שפּרונג אַראָפּ אויפן פּאָל און איז שוין איבערן שטוב, נעמענדיק עוסק זיין אינם אָוונד ברויט און טיי. זי לאָזט אָבער אויף איין מינוט ניט אָפּ איר אויפמערקזאַמקייט פון איר גאַסט. זי האַלט אים אַלץ אין דער זעלביקער נערוועז־שפּאַנונג. זי פילט גאַנץ זיכער, אַז יעדע קלענסטע דאָזע לאַנג־ווייליקייט פונקט ווי אַ איבעריקע מאָס ליידנשאַפטלאַכע זעטי־קייט פון זיין זייט, דראָהט אַ געפאַר פאַר איר און פאַר אַלע אידן, וואָס שמאַכטן איצט אין שול.

עס האָט זיך אנטפּלעקט באַ איר אַ אומענדלאַכער ווילן צו באַהערשן אים אינגאַנצן, ער זאָל מיט איר גיין אין שול אַריין באַפרייען אַלעמען פון דעם טויט קאַשמאַר. און צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן ווילן האָט זי דערפילט איר אומבאַגרענעצטן קראַפט. זי איז דאַן צוגעקומען צו דער גרעסטער מדרגה פון גלויבן אין זיך, אין איר קראַפט, אין איר גייסטיקן אינטעלעקטועלן אוצר און קיינע קרבנות פון איר זייט זיינען באַ איר ניט שווער געווען צו דערגרייכן איר ציל, זאָל מען נאָכער אויף איר זאָגן וואָס מ׳וויל.

ווייטער לאָזן אירע מחשבות אין גאַנג און זיין פּאַרנומען צופּיל מיט זיך אַליין, האָט זי דערפאַר געפּילט פאַר שעדלאַך. טוט זי ווידער שטיפעריש־פריילאַך אַ שפּרונג אויפן אטאמאנס שויס, ווידער אַמאָל זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אירע הענטלאַך איבער זיין געזיכט, געענטפּערט אויף זיין קוש מיט אירן און ווידער אַמאָל אַ שפּרונג געטאָן אַראָפּ אויפן פּאָל.... אוי האָט זי ליב שפּרונגען . . . אוי האָט זי ליב שפּרונגען. . . .

7

פון צופּיל ערגערניש, געשטיקטן אין זיך געוויין, שטאָק־פינסטערניש און וואַרטעניש אָט־אָט אויף זייער סוף האָט דער עולם אין שול דערווייל אָנגעהויבן איינדרימלען און ווען ניט דער פּלוצלומדיקער שאָס פון דרויסן, וואָס האָט זיך אַרום צוועלף אַ זייגער דערהערט וואָלטן שוין אַלע געווען איינגעשלאָפן. דער דאָזיקער שאָס האָט ווי אַ קנאַלנדיקער דונער זיך געהערט אין דער טויטער שטילקייט, וואָס האָט דאָן אין שול געהערשט און האָט אַלעמען ווי איינעם, אויף די פיס אוועקגעשטעלט, ווי ער וואָלט אויסגעשריען די ווערטער „זייט גרייט".

עס איז בא קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז איצט איז שוין דער אטאמאַן געקומען און דער שאָס איז עס דער סיגנאַל פאַר זייער באַלדיקער אונטערגאַנג. און ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס זיי איז שטרייַנג פאַרזאָגט געוואָרן „ניט אָטעמען אפילו אין דער הויך," האָט פּאַרט אויסגעבראָכן, וואו ניט וואו אַ היסטערישער געוויין איבערהויפּט פון די פרויען און עלטערע קינדער. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ געשריי, קענטיק, דעם רב׳ס קול: „רירט זיך ניט פון אָרט, מיר זאָלן ניט דערדושעט ווערן." דער דאָזיקער געשריי האָט נאָך אַרויס גערופן אַ גרעסערע קלאָגעריי באַם עולם. פון פאַרשידענע ערטער האָבן זיך געהערט קלאָגענדיקע געוואַלד־געשרייען; איבער אַלע געשרייען האָט זיך געהערט:

— אונז אין שוין אַלץ איינס, לאָמיר כאָטש צושטורמען דעם הימל מיט אונזערע קולות. פאַרוואָס שווייגט מען דאָרטן?

— דאָס האָט עס ר׳ שמואל דער סופר, מאַניטשקעס פאָטער, געשטורעמט און מיט אַמאָל האָב זיך אָנגעהויבן אַזעלכע גוואַלדן און געשרייען, ממש טויב צו ווערן. אַ נס, וואָס די שול טיר האָט זיך באַלד געעפנט און אַ העלע ליכטיקע שיין פון אַ גרויסן עלעקטרישן האַנט־לאָמפּ האָט פאַרטריבן די געדיכטע פינסטערניש. אָט די אומערוואַרטעטע גרויסע ליכטיגקייט האָט אויף אַ ווײַלע געווירקט אויפן שטורמדיקן עולם און אַ דאַנק דער דאַזיקער ווײַלע האָט דער עולם געהאַט די מעגלאַכקייט זיך איבערצייגן, אַז דעם שאָס האָט געגעבן ניט דער אַטאַמאַן.

אין דער ווירקלאַכקייט האָט דער אַטאַמאַן צו יענעם מאָמענט ניט נאָר פון דעם שאָס ניט געוואוסט, ער האָט אפילו וועגן זיין מיסיע בכלל ניט געטראַכט. ער האָט אפילו פאַרגעסן אָן זיין באַגלייטער, כוועדקאָ, וואָס כראָפּעט באַ ר׳ שמואל סופר אין קיך אויפן טאָפּטשאַן.

מאַניטשקע האָט יע עפּיס דערפילט, אַז עס ציט איר אין שול אַריין, אָבער צוליב גאָר אַנ׳אַנדער מאָטיוו. זי האָט אָפּגעשאַצט דעם מאָמענט פאַר אַ פּאַסיקן „בעטן איר ליבן אַנדריושן“ (דעם אַטאַמאַן הייסט עס) צו שפּאַצירן אין שול אַריין און זען וואָס טוט זיך דאָרטן. זי איז געוועזן באַ זיך זיכער, אַז ער, דער אַטאַמאַן וועט אַלעס טאָן, וואָס זי וועט אים דאָרט אין שול הייסן. ער האָט אפילו געפּרואווט זאָגן:

— לאָמיר, מאַניטשקע, פריהער...

זי האָט אָבער אים באַלד איבערגעשלאָגן די רייד און קושנדיק זאָגט זי אים:

— קום, אַנדריושענקאָ, מיר׳ן נאָך צייט האָבן...

ער האָט איר געפאָלגט. עס האָט אויך געווירקט אויף אים

דער תנאי, וואס זי האט מיט אים אויסגענומען „זיך באלד אומ־קערן צוריק אהיים“.... דער תנאי איז אבער ניט מקוים גע־ווארן. שולדיק אין דעם זיינען געווען די רויטע ארמייער, וועלכע האבן פלוצים זיך אריינגעריסן אין שטעטל, ווען דער פעטלורי־שער אטריאד איז זיך אזוי געשמאק אנטשלאפן געווארן אין די וואגאנעס אויפן וואגזאל, ווארטנדיק אויפן באפעל פון זייער אטאמאן.

און ווען מאניטשקע מיטן אטאמאן זיינען צוגעקומען צום נאהענטן געסל פון דער שול האט זיי א פאטרול אפגעשטעלט:

— סטוי! — און האט זיי אפגעפירט אין שול אריין.

עטלאכע טריט פון דער שול־טיר איז מעקיטא געליגן אנ־אויסגעצויגענער און זיין בראשקענע היטל מיטן געלן קאלפאק האט זיך געוואלגערט דארט נעבן דער שוועל, דורך וואנען דער אטאמאן מיט שמואל־סופר׳ס מיידל זיינען אריינגעפירט געווארן אין שול אריין. זייער באגלייטער, דער פאטרול, האט זיי צו־געפירט צו דער בימה און זיי איבער געגעבן צום נאטשאלניק און פאליטקאם (פאליטישער קאמיסאר) פונם רויט־ארמייעשן אט־ריאד.

א היבשע ווײַלע האט געדויערט ביז דעם פאליטקאם האט זיך איינגעגעבן בארוהיגן דעם שול עולם.

פון די קולות „מאניטשקע,“ האבן די שול שויבן געציטערט. חסיא די אלמנה האט זיך ווי א טיגער געריסן צו דער בימה און היסטעריש געגוואלדעוועט:

— מאניטשקע, מיין מלאך. מיין הארץ־פריינד, לאזט מיך צו איר! — און בשום אופן האט מען זי ניט געקענט בארוהיגן, ביז דער פאליטקאם האט ניט אויסגעשריען מ׳זאל זי ארויפלאזן אויף דער בימה.

ווי א הינטל, וואס איז מיט גוואלד צוגענומען געווארן

פון זיין געטרייען שפּייזער אַזוי האָט זיך די איינגעבויגענע אַלמנה אָנגעהייגגען אין מאַניטשקען, געהאַלזט און געקושט.

עטליכע מינוט האָט אײנגאַצן געדויערט די באַרוהיגונג און טרייסט־רעדע פון פּאָליטקאָם פאַרן עולם, וואָס האָט ערשט דאַן זיך צוכליפּעט אויפן קול. דאָס איצטיקע כליפּעניש איז געווען דער אויסדרוק פון אַ קינד, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון ווילד פרעמדע און מיט אַמאָל דערזעט ער זיין גוטע מאַמע. דער פּראָ־טעסט, באַליידיגונג און צאָרן וואָס האָט זיך אין די פאַרגאַנגענע עטלאַכע שעה אָנגעזאַמעלט אין די בלוטנדיקע הערצער פון דעם טויט־אָנגעשראָקענעם עולם,— האָט אַצינד ווי פון אַ וואָלקאַן ארויסגעברויזט, דערזעענדיק פאַר זיך אַזא אומערוואַרטעטע ישועה. קיינע סמנים פון אַ וועלכע ס׳ניט איז פרייד, נאָר כלי־פּעניש, אַ געוויין, אַז זינט די שול שטייט האָבן נאָך אירע ווענט ניט געהערט אַזעלכעם ואפילו אום יום כפור צו הזכרת נשמות.

דער פּעטלורישער אַטאַמאַן זיצט אויפן בימה־ביינקל אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ אונטער זיין אָנגערוקטע באַראשקענע היטל מיטן געלן קאָלפּאַק. מאַניטשקע צושרייבט זיך, אַז מאָרגן צוויי אַ זייגער באַטאָג וועט זי קומען אין שטאַב צום פּאָליטקאָם געבן די נויטיקע ערקלערונגען. דער פּאָליטקאָם הייסט דעם עולם זיך פאַנאַנדערגיין אַהיים אָן רעש, אָן טומל. ווישנדיק די טרערן און וואָרפנדיק אַ אויג אויף מאַניטשקען, כאַפּט מען בגנבה אַ קוק אויפן אַטאַמאַן, וואָס זיצט נאָך אַלץ אויפן בימה ביינקל אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט האַלטן אין איין זוכן עפּים אויפן שוים. און דער פּאָליטקאָם מיטן נאַטשאַלניק שטייען און באַ־טראַכטן דעם דורכגייענדיקן עולם נעבן די טרעפּלאַך פוןביידע זייטן בימה.

ווען דער עולם אין שול איז שוין גאָר אַ קלייגער, האָט זיך צוגעשאַרט צו דער בימה אַ הויכער איינגעבויגענער איד פון אַ

יאַר פּינף־און־פּערציק, זיך אַ ווײַלע איבערגעקוקט מיט מאַ־
ניטשקען און אַ זאָג געטאָן:

— קום שוין, קום אַהיים!

אינם ערשטן אויגנבליק האָט זי זיך קיין חשבון ניט גע־
קענט אָפּגעבן, אַז דאָס איז איר טאַטע, דער זעלבער ליבער און
ליבנדער טאַטע פון שטענדיק, ניט מער, וואָס איבער די עטלאַכע
שטונדען איז זײַן גלײַכע פּלייצע אַביסל אײַנגעבויגן געוואָרן און
זײַנע שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ און באָרד זײַנען ווי מילך ווײַס
געוואָרן.

צוזאַמען זײַנען זיי געגאַנגען און געקומען אַהיים ווי צוויי
שטומע. פון כוועדקען מיט זײַנע צוויי פערד איז קיין זכר ניטאָ,
ווי אין דר'ערד אײַנגעזונקען. ווי ניט וועלנדיק וויסן פון גאָר ניט
איז ר' שמואל סופר פאַרביי געגאַנגען דעם עס־צימער נעבן דער
סאָפע. . . . און באַלד אַרײַן צו זיך אין זײַן שלאָף־צימער.

אַזאַ פרײלאַכער שבת בצבור, האָט נאָך דער שטעטלדיקער
עולם אויף זײַן לעבן ניט פאַרזוכט. די שטעטלדיקע אָרימעלײַט
האָט אפילו היינטיקן שבת עפּים געפעלט אָבער דאָס מאַכט ניט.

נאָר אײנעם איז דער שבת געווען אַ פאַרשטערטער. שמואל
דער סופר האָט באַקומען אַ בריוועלע פון אברהם שרה־לאה'ס. ער
שרײַבט אים, אַז ער שיקט אים אָפּ די תנאים און פון היינטיקן
טאָג אָן, איז דער שדוך אָפּגעלאָזט.

סאָוועט נעמט־צו בתּי־מדרשים

1

דעם פסח האָבן שוין די אידן אין בילילעווקע דורך געלעבט, ווי ס'גיט איז. דאָס שטעטל, גלייך ווי אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלאַך אין קיעווער גובערני, איז דעם ווינטער אויסגעשטאַנען גענוג צרות. די זעלִיאָנעווצעס, טיוטוניקעס און אַנדערע אַזעלכע באַנדעס האָבן דורך די דירעקטיוון פון פעטלורעס הויפּט־שטאַב, גענוג זיך נוקם געווען אין אַלע אידישע ישובים

כל זמן דער ווינטער האָט אָנגעהאַלטן מיט זיינע פרעסט און זאַווערוכעס, האָט דער איד קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין. ס'קיין מעגלאַכקייט ניט געווען, אין אַזעלכע ביטערע פרעסט, זיך לאָזן אין וועג אַריין. אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע און נערוון־צעשיטערטע — וואָלטן זיי געווים אין מיטן וועג געפאַלן פאַרפרוירענע און צו קבר ישראל אפילו ניט געקומען. האָבן זיי גיכער אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג — זיך אויס באַהאַלטן און איבער מוטשען זיך דעם ווינטער אין דער „היים“ און, אַז ס'וועט נאָר **אַביסל ווארימער ווערן**, שלאָגן זיי כפרות מיט אַלע זייערע מאַיאָנטקעס, וואָס זיי האָבן דאָ, און לאָזן זיך וואו די אויגן וועלן טראָגן.

ס'רעט זיך נאָר אַזוי — „וואו די אויגן וועלן טראָגן“. וואו האָבן דען דאַמאָלט די שטעטעלדיקע אידן געקענט לויפן, אויב ניט קיין קיעוו? זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז איבער אַלע קלענערע און אַפילו גרעסערע שטעטלאַך ווילדעווען די פאָגראָמישע באַנדעס. און אויסער דעם, דאַרף מען דאָך אין זינען האָבן פרנסה אויך. אַז מ'וועט שוין אַפילו יע אַנטרעפן אַ קליין שטעטל, וואָס איז על פי נס ווייט פון שליאַך, וואו די רוצחים בושעווען, איז דאָך נאָך אַ פראַגע — ווער ווייס וואָס

דער מאָרגן וועט ברייננגען? און צוווייטנס, קען מען דען דאָרטן אפילו טראַכטן וועגן מסחר, אז אַלעס איז טויט ווי אויף אַ בית עולם? קיין גוי זעט מען פאַר די אויגן ניט. ער קומט ניט אין שטאָט. וואָס וועט ער דאָרט טאָן? קויפן אין שטאָט — איז ניטאָ וואָס. די שטאָט האָט איצט גאָר־ניט. אַלע קלייטן זיינען ליידיק. ווען ער דאַרף האָבן אַ שיך, אַ מלבוש, אַ טיש, אַ פאָדקאָווע — קומט ער גלייך צום בעל מלאכה אין שטוב אריין. וואָס־זשע קען אָבער טאָן אַ איד, ניט קיין בעל מלאכה, וואָס האָט אַלע יאָרן זיינע געלעבט פון מסחר?

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ אידן, ווען פון איין זייט האָט ער שוין ניט געהאַט בכח איבער צוטראָגן די טויט־שרעק און פון דער צווייטער זייט — דאגת פרנסה, איז קיין אַנדער וועג ניט געווען, נאָר ארויס ראַטעווען זיך קיין קיעוו.

האָט טאַקע יעדער איד, אַבי ער האָט נאָר געקענט צונויף שלאָגן אויף הוצאות, פאַרנומען אַלעס פון שטוב, וואָס ער האָט נאָר געקענט מיט זיך מיטנעמען און איז אַוועק מיט זיינע בני בית קיין קיעוו.

קיעוו — האָבן די שטעטלדיקע אידן גערעט צווישן זיך — איז נאָר אַ לעבעדיקע וועלט. פאַר פאָגראָמען איז דאָרט ניטאָ וואָס צו מורא האָבן. קיעוו איז דער גרעסטער פאָליטישער צענטר אין אוקראַינע. און ווי באַלד נאָר, אַז ס'ניטאָ דער פחד פאַר פאָגראָמען איז שוין — מכח פרנסה (מיקוויאך פאַרנאָסע) — גאָט אַ טאַטע. דער קלענסטער סוחר אין קיעוו לעבט נאָך אַלץ בעסער, ווי דער גרעסטער קרעמער אין בילילעווקע.

האָבן זיך דעם נאָך־פּסח אַלאַז געטאָן קיין קיעוו קליין־שטעטלדיקע אידן פון אַלע שטעט און שטעטלאַך אין דעם געגנד. ווער מיטן באַן און ווער מיטן פאַראַכאַד, ווער מיט אַ פור און ווער צו פוס — מחנות־ווייז.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדערן פון די דאָזיקע עמיג־ראַנטן איז געלונגען אַריבערקומען דעם וועג בשלום. אַ סך פון זיי זיינען אויפן וועג באַראַבעוועט געוואָרן, און קומענדיק קיין קיעוו זיינען זיי געלאָפען בענטשן גומל (גוימל). דאָס זיינען שוין געווען די גליקלאַכע פון די געליטענע. ווייל זייער פיל זיינען פון די באַנדעס אין מיטן וועג צעשעדיקט און פאַר־קריפּלט געוואָרן. געגוג קרבנות זיינען געווען פון די פאַראַכאָדן, וועלכע זיינען לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַ־סער. ניט ווינציק אידן זיינען אַרויס געוואָרפן געוואָרן פון די לויפנדע באַנען.

אָבער די לעבעדיק איבערגעבליבענע זיינען נאָך פאָרט גע־ווען אין אַזאַ צאָל, אַז די קיעווער גאַסן האָבן, אַ דאַנק די נייע געסט, גאָר אַנ׳אַנדער פּנים באַקומען.

דאַמאָלט האָט זיך יעדערער געקענט איבערצייגן, אַז דער אויסזען פון אַ שטאָט איז ניט אַזויפיל אָפּהייננגיק פון די ברוי־קירטע גאַסן, ברייטע טראָטואַרן, גלייכע שורות בוימער און שיינע געביידעס. די לעבעדיגקייט, די פרייליאַכקייט אָדער די טויטקייט, די אומעדיגקייט פון אַ שטאָט — ווענדט זיך גאָר אינגאַנצן אין די מענטשן, וועלכע דרייען זיך דאָרטן אַרום.

קיעוו האָט דאָך די לעצטע פּאָר יאָר פונם בירגער קריג, גענוג איבער געלעבט פאַרשידענע שרעק, שיסערייען, שרפות, הונגער און סתם קעלט און פינסטערניש. אַזאַ אומעדיגקייט, ווי ס׳האָבן אַריינגעבראַכט אַהערצו אָט די קליין־שטעטלדיקע אידן מיט זייערע ווייב און קינדער — האָט קיעוו ניט פאַרזוכט אין די ערגסטע מינוטן אפילו פון די מלוכה־בייטענישן.

2

די מחנות קליין־שטעטלדיקע אידן מיט זייערע אויסגע־דאַרטע, טויט בלאַסע פּנים׳ר, וואָס איר האָט דאַן באַגעגנט

איבער די קיעווער טרעטוארן, זיינען געווען א הימל־שרייענ־דיקער פּראָטעסט קעגן דער בעסטיאַלישער וואַקכאַנאַליע, וואָס האָט זיך ווי אַ וואולקאַניש פייער צעשטורעמט אין די פארשיווע בלוט פון צוויי־פיסיקע חיות, און וויל אומברייגגען אַ וועלט פון אומשולדיקע נשמות, וועלכע האָבן אויף זייער לעבן קיין פליג אויף דער וואַנט ניט געטשעפּעט.

מיט וואָס האָבן זיך די מאַכנאָווקער, בוּאַאילאָווער, אָס־טאָמליר, בילילאָווקער און אַנדערע אַזעלכע שטעטלדיקע אידן און אידענעס, מיט זייערע קינדער, אַזוי פיל פאַרזינדיקט, וואָס האָבן געדאַרפט אַזוי אַכזרויות'דיק באַשטראָפט ווערן פון אַזאַ בלוטיקער מערדערישער לאַפּע.

אָט די איינגעקאַרטשעטע אַלטע און מיטל־יעריקע אידן מיט זייערע צעריסענע פאַרלאַטעטע־איבערלאַטעטע קאַפּאָטעס, האָבן דאָך אויף זייער לעבן אפילו די אייגענע קאַלטענעוואַטע באָרד ניט געקעמט, כדי אַ האָר זאָל חלילה ניט אויסגעריסן ווערן פון איר וואָרצל. און דאָ איז געקומען אַזאַ ווילדע שכור'ע (שיקערע) בעסטיע און זיי אַרויסגעריסן מיטן שורש פון זייערע אַלט־געזעסענע רוהיקע ערטער, און זיי אַריין געשליידערט אין אַזאַ גרויס־שטאָטישן טומל, וואו זיי קענען אפילו קיין מקום מנוחה ניט געפונען פאַר זייערע אייסגעמוטשעטע צובראָכענע ביינער.

אָט די אַלטעטשקע אידענעס, האָבן דאָך אין אַ משך פון פופציק יאָר, טאָג־איין טאָג־אויס געזאָגט מיט זיך, מיט קינ־דער און קינד'ס קינדער די „מודה אני"—„טאָן, וואָס אַלע גוטע און פרומע לייט הייסן צו גוטן טאָן". אצינד האָבן זיי אפילו איינעם פון אַזעלכע גוטע און פרומע ניט באַגעגנט, בּאַ וועמען זייערע אַלטע ביינער אויסדרוהען.

ניטאָ אַזעלכע „גוטע און פרומע," וואָס זאָלן עפענען די

טירן פון זייערע וואוינונגען און מיט אַ גאַסט־פריינדלאַכן פנים אַריין בעטן אַט די געקריוודעטע און באַליידיקטע אומשולדיגע קרבנות.

הרייען זיך אַרום אַט די פאַרוואָגלטע און זוכן אין מיטן העלן טאָג, וואו אַ טיר עפנט זיך. זייער ביסל אָרימקייט, וואָס זיי האָבן געקענט מיט זיך מיטשלעפּן אין זייער טרויעריקן וועג, האָבן זיי, אינאיינעם מיט די קינדער, איבער געלאָזט — ווער אויפ'ן וואָקזאַל אָדער באַם פּאַראַכאָד און — ווער, פון די פּאַרמעגלאַכע, אין אַ שטאַל פון אַן איינפאָר הויז אויף פּאָדאָל אָדער דעמיעוקע. און אַליין האָבן זיי זיך צעלאָזט איבערן שטאָט, כאָטש איין און איינציקן צימערל צו געפונען.

דאָס ערשטע, פאַרשטייט זיך, גייט מען אויפזוכן אַן אַד־רעס פון אַן אַלטן באַקאַנטן, אויב אַזעלכער איז נאָר פאַראַן. אָבער זייער ווייניק האָט מען געקענט געהאָלפן ווערן פון אַזעלכע אַדרעסן. אויפ'ן בעסטן פאַל, האָט דער „גאַסט" דאָרטן באַ־קומען אַ שלום־עליכם און אַ. . . קרעכץ. דער קרעכץ איז געווען אַ דאָפּלטער : ערשטנס, באַדויערט די לאַגע פונ'ם גאַסט און צווייטנס — געקרעכצט אויף אייגענע צרות.

דאָס איז געווען אַ אָנצוהערעניש, אַז מ'קען אַ צווייטן איצט ניט אין זינען האָבן, מ'איז אַליין אויף גרויסע צרות. דער לעבן איז ממש ניט ניחא. און וואָס קען מען העלפן ? מ'מוז ליידן.

דער גאַסט האָט דערוויל אויגן. כאַפּט ער אַ קוק אויף דער דירה פון זיין אַלטן באַקאַנטן. מיטן אויג מעסט ער אָפּ די גרויס און די הויך פונם צימער, וואו ער זיצט, און אַגב, קוקט ער דערווייל אַריין אין דער אָפענער טיר פונם נאָענטן צימער. ניט צו פאַרזינדיקן, טראַכט ער זיך, אַ גאַנץ פיינע וואוינונג. הלואי, וואָלט ער געהאַט פאַר זיינע בני בית כאָטש איין צימער אַזעלכן.

איז דער בעל הבית א מבין אויפן קוק פונם גאַסט, און הויבט זיך אָן מתנצל (מיסנאַצל) זיין:

— נאָר גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויס געגאָסן איבער אונז. האָסט קיין דעה ניט איבער זיך אליין אפילו, און ווער שמועסט שוין איבער דיין דירה. זעסט מיין וואוינונג — מיינסטו אודאי, אז איך האָב אדעה איבער איר? ווייס איך וואָס! אלעם פאַרנומען. דער רוח האָט אַנגעשיקט א סאָוועט. ער איז איצט דער בעל הבית. נו, נו — פרעג שוין ניט.

דער קליין־שטעטלדיקער גאַסט קוקט אים גלייך אין די אויגן אריין. אויפן האַרצן איז אים, פאַרשטייט זיך, גענוג ביטער. רייסט זיך בא אים מסתמא ארויס א ניש־קשה'דיקער זיפץ. מיינט דער בעל הבית, אז דער גאַסט זיפצט עס אויף אים, ווערט ער נאָך מער ריידעוודיקער:

— מ'גייט דען אריין — זאָגט ער — אין יענעם'ס לאַגע? מ'וויל דען וויסן אויף אַן אמת צי דו וואוינסט גראָם, צי דו וואוינסט איינג? מ'קומט אריין אין שטוב און מ'זעט, אז ס'איז אויף געראַמט באַלעבאַטיש, ניט ווי בא שלעפער, הייסט עס שוין, אז דו וואוינסט גראָם און מ'פאָדערט בא דיר, זאָלסט אריין לאָזן שכנים צו זיך.

א איד א בעל הבית, האָט דאָך פאָרט עפּעס א סוחר'ישע קאָפּ אויף זיך. באַטראַכט ער זיך — ער האָט דאָך דאָ דער־ציילט דעם גאַסט עפּעס א מעשה, אז דער סאָוועט קען אריין זעצן א שכן צו יענעם אין שטוב, כאָטש דער בעל הבית וויל ניט,— וויל ער דאָ „פאַרלויפן דעם וועג“ און טאַקע זיך באַ־וואָרענען פאַר דעם גאַסט זעלבסט. פאַר ענדיקט ער זיין שמועס:

— ס'געוואָרן ממש א הפקר וועלט, א וועלט פון מוסרים, רחמנא לצלן. מע מאַסערט צו סאָוועט און ער שיקט אייך זאַקי־ציעס, ימח שמם וזכרם.

אָט אזוי זיינען געווען די רעזולטאַטן פון די אדרעסן צו „אַלטע באַקאַנטע," פון וועמען די פארוואַגלטע האָבן געהאָפט וויפיל ס'ניט איז געהאָלפן צו ווערן, באַטש אין די ערשטע עטלאַכע טעג. מערסטע פון די קלייז־שטעטלדיקע אידן, האָבן שוין בא אזא ערשטע באַגעגעניש, א שפיי געטאָן אויף אזעלכע אדרעסן און האָבן בא זיך באַשטימט:

— בעסער אויפן גאַס זיך וואַלגערן, איידער אָנקומען צו יענעם.

3

סוף כל סוף, איז דאָך דער איד אינם קליינעם שטעטל געווען א מכנים אורח. עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפן, אז אן אָרימאַן א דורכגייער זאָל אינם קליינעם שטעטל ניט האָבן, וואו צו עסן און אן אָרט צום שלאָפן. פון א חשוב'ן אורח איז דאָך אָב־גערעט, אז ער האָט באַגעגנט די וואַרימסטע ברודערלאַכע גאַסט־פריינדלאַכקייט. נאָר אפילו א איינפאַכער אָרימאַן, אזעלכער, וואָס גייט אין די הייזער — האָט דען אים עפּיס געפעלט אינם קליינעם שטעטל? אז א הייזער־גייער, וואָס מ'ווייסט אים ניט און מ'קען אים ניט, האָט שוין גאָר־ניט געהאַט וואו צו שלאָפן, — האָט ער דאָך אויך געהאַט א גרויסן בית מדרש, וואו ער האָט געמאַכט זיין אַכסניה, די צייט וואָס ער האָט געדאַרפט פארברייינגען אין שטעטל.

איז דען אמאָל א אורח געבליבן אָן שבת, אינם קליינעם שטעטל?

צי, אויב אין א בית מהרש האָט זיך אמאָל געפונען א בייזער שמש, וואָס פלעגט אמאָל זיך קלאָגן צום גבאי, אז די אָרימעלייט מאַכן א הקדש פון בית מדרש,— האָבן דען די בעלי בתים אים געשווינגן פאַר אזא רציחה?

דערפאַר האָבן טאַקע די קליין־שטעטלדיקע אידן, בא זייער

גרעסטן אומגליק — איבערלאָזן זייער האָב און גוטס, זייער באַלעבאַטישקייט און ווערן נע ונד (נאַווענאַד) אין דער גרויסער קיעוו — פּאָרט געהאָפּט אויף דער אידישער מידה, הכנסת אורחים, אַז צווישן אידן וועלן זיי ניט פאַרפאַלן ווערן. זיי ווייסן דאָך, ווי זיי האָבן זיך נוהג געווען מיט די עלענדע, וועלכע זיינען געקומען צו זיי אינם קליינעם שטעטל.

באַם ערשטן וויזיט באַ זייערע אַלטע באַקאַנטע, איז אָבער זייער גאַנצע האָפנונג אויף דער אידישע גאַסט־פריינדלאַכקייט, צערונען געוואָרן און זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן פילן דעם ביטערן טעם פון זייער עלענדקייט.

— וואָס טוט מען? ווי קען מען דען אין זינען האָבן פרנסה, אַ שטיקל ברויט פאַר די הונגעריקע ווייב און קינדער, אַז מ׳דאַרף גאָר טראַכטן, וואו נעמט מען אַ שטיקל אָרט אויף איבער שלאָפן?

דאָס איז געווען די ערשטע ברענענדיקע פראַגע באַ די אומגליקלאַכע פאַגראָמירטע אידן, וואָס ערשט פריער מיט אַ קליינער צייט, זיינען זיי געווען, טאַקע אויף גרויסע צרות דורך גוי׳עשע מערדער, אָבער פאָרט בעלי בתים אונטער אַן אייגענעם דאַך, און ניט ערנידעריקט דורך „אייגענע ברידער“.

* * *

אַ גרופּע פאַגרעבישטשער הײמלאָזע, וועלכע האָבן לכתחילה ניט געהאַט קיין האָפנונג אויף אַדרעסן פון אַלטע באַקאַנטע, האָבן באַלד „געוואָרפן אַן אויג“ אויף די שולען. דאָרט האָבן זיי גערעכנט זיך איינאָרדנען ביז זיי וועלן ערגיץ באַקומען אַ וואוינונג. האָבן זיי אַ פּאָר צענדליק שולען געטראָפן אינגאַנצן פאַרשלאָסן און ניט געהאַט באַ וועמען אַ וואָרט פרעגן.

— מ׳קען דאָך — טראַכטן זיי באַ זיך — ניט נעמען די

בני בית מיטן ביסל אָרימקייט און זיך אַרויפקלייבן אויפן שול־הויף, ניט פרעגנדיק בא די גבאים אָן ערלויבעניש.

זיינען זיי אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז זיי האָבן געפונען אַן אָפענע שול און דאָרט געטראָפן דעם שמש. גיט ער זיי צו פאַרשטיין, אַז אַ בית מדרש איז ניט קיין הכנסת אורחים — דאָס איז ראשית. והשנית — אפילו, אַז מען זאָל שוין מאַכן פונם שול אַ הקדש, וועט מען דען קענען אין די שולען אַריין נעמען און פאַרזאָרגן מיט דירות, אַלע טויזנטער אַנגעלאָפענע פון די קליינע שטעטלאַך?

— יע, וואָס־זשע זאָלן מיר אָבער טאָן? — פרעגן די היימלאָזע באַם שמש און שפאַרן זיך דערוויייל צו אויף דער באַנק, בא וועלכן זיי שטייען.

קוקט זיי דער שמש אָן פאַרוואונדערט, און הויבנדיק מיט די אַקסלען צעלאַכט ער זיך:

— מאָדנע אידן. בא מיר פרעגן זיי, וואָס צו טאָן.

מער האָט ער מיט זיי ניט וואָס צו ריידן. ער נעמט די שליסלען און לאָזט זיך צו דער טיר. פאַרשטייען שוין די אידן, וואָס ער מיינט און ער פאַרשפאַרט זיי שוין זאָגן, זיי זאָלן זיך מטריח זיין און נעמען דעם וועג. זיי קוקן זיך נאָר איבער איינער מיטן צווייטן און ניט אויסריידנדיק אַ וואָרט, זיינען זיי שוין פון יענער זייט טיר.

דער שמש, פון זיין זייט, אַז ער האָט נאָר דערזען די „אַנשיקעניש‟ אַרויס געפאַטערט פון שול, פאַרשליסט ער אין דער גיך די טיר און איז שוין ניט געבליבן. וואָס איז שייך, ער וועט זיך דאָ שטעלן נודין מיט זיי? ער איז דאָך ניט קיין פאַרשמאָלצעוועטער שמש אין אַ קליין שטעטלדיקן בית מדרש. ער האָט דאָך וויכטיקע ענינים צו פאַרזאָרגן. ווי האָט ער עס היינט ניט עטלאַכע יאָרצייטן? צי אפשר נאָר אַ פאָר ברית'ן? קען ער דען דאָ אפילו אַ איבעריקע מינוט שטיין מיט די קליין שטעטלדיקע נודניקעס?

זיי ווידער, אָט די עלענדע נע ונד'ניקעס, האָבן טאַקע בפירוש יע צייט. זיי האָבן פשוט נ'ט וואו צו איילן זיך. וואָס, זיי וועלן פאַרשפּעטיקן אָנקוקן זייערע אויסגעמוטשטע ווייב און קינדער, וועלכע וואַלגערן זיך אַצינד אויף די קלימקעס אין וואָקזאַל צי באַם פּאַראָכאָד? זיי וועלן עס ניט פאַרשפּעטיקן.

שטייען זיי אַזוי אויפן שול־הויף פאַר דער פאַרשלאָסענער טיר און באַטראַכטן: „וואו זיינען זיי עס אין דער וועלט? וואוהין גייט מען ווייטער?

דערווייל קומען צו נאָך עטלאָכע אַזעלכע אידן. אין אַ מינוט אַרום — דאָס רעדל ווערט גרעסער. פּאַוואָלי־פּאַוואָלי, דער שול־הויף ווערט קיין עין־הרע־ניט פול מיט היימלאָזע אידן פון סקווירער אויעזד, פון ראַדעמישלער אויעזד, פון טאַראַש־טשער און זוועניגאָראָדקער — פון ארבע פּינות אוקראַינע.

4

וואָס דער עולם ווערט גרעסער, ווערן אַלץ די צרות באַ יעדן איינעם פון זיי אַביסל גרינגער. פּאַרט — צרת רבים, חצי נחמה. „עס ווערט עפּיס גרינגער אויפן הארצן, זאָגן זיי, ווען מ'זעט אַז אַלעמען איז באַשערט צו ליידן." עס פילט זיך שוין ניט אַזויפיל דאָס דערשלאָגעניש. די פאַר־חושך'טע אידן ווערן אַביסל מער ריידעוודיקער און האָבן שוין צו דערציילן וואָס אין דער גרויסער שטאָט קען זיך פאַרלויפן.

דערציילט איינער, אַ בילילעווקער, אַזאַ מעשה:

אַז זיי זיינען אַרויס פון דערהיים, האָבן זיי באַ זיך אָפּ־געמאַכט — זיין אַלע אינאיינעם וואָס גאָט וועט מיט זיי פירן, זאָלן זיי זיך ניט צעשיידן. געווען זיינען זיי דאַמאָלט אַנ'ערך פון עטלאָכע און פערציק פאַרשוין, דערוואַקסענע און קליינע קינדער. האָבן זיי אויס געקליבן פון זיך אַ קאָמיטעט פון דריי (אַ פּאָרזיצנדער, אַ קאַסיר און אַ סעקרעטאַר), און דער קאָ־

מיטעט האָט עס גערדאַרפט פירן אַלע זייערע ענינים, ביז זיי וועלן קומען צו אַ וועלכן ס'ניט איז ברעג.

צווישן זיי זיינען געווען פאַרשידענע בעלי בתים, פאַרמעג־לאַכערע, מיטלערע און ניט קיין פאַרמעגלאַכע. מזומן געלט איז אָבער אַפילו בא די פאַרמעגלאַכערע געווען, נאָר קוים־קוים כדי חיונה. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן אָפּגעבן זייער מזומן'ס צום קאָמיטעט און ער זאָל פירן די שותפות'דיקע הוצאה פאַר אַלעמען.

האָט דער קאָמיטעט אויסגערעכנט, אַז לויט דעם פאַר־מעגן פון זייער קאַסע, קענען זיי ניט דינגען פורן פאַר אַלעמען. עס וועט זיי ניט בלייבן אַפילו אויפן ערשטן טאָג צו לעבן אין קיעוו. וואָס־זשע דען? דאַרפן זיי דינגען בלויז אַזויפיל פורן, וויפיל ס'איז נויטיק פאַרן געפעק מיט די קליינע קינדער און פרויען. אַלע מענער זאָלן נאָכגיין בא די פורן. ווער פון די מאַנסבילן, וואָס וועט אין מיטן וועג מיד ווערן, וועט זיך קענען אויף אַ ווײַלע צו שפּאַרן אויף אַ פור.

דער עולם, דאָ אויפן שול־הויף, שטעלט אָן מויל און אויערן — עס געפעלט זיי דער אויפטו. איינער קוקט זיך איבער מיטן צווייטן, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פאַראויס, ווי ער וואָלט זאָגן — „הערסטו?"

מילא. די נסיעה, ווי די נסיעה — אַבי זיי זיינען אַלע געקומען בשלום לעבעדיק קיין קיעוו. געפאָרן זיינען זיי דורך איגנאַטעווקע. האָט זיך זייערע פורמאַנעס, די גויים, פאַרגלוסט אונטערפאַשען די פערד דוקא אין איגנאַטעווקע. פרעגט זיי דער קאָמיטעט: „וואָס עפּיס איז אייך אויסגעקומען דוקא דאָ, ווי אַ גוי אַראָפּ אַ באַרג?" ענטפערן די גויים: „וואָס הייסט? ערשטנס, ווייסן מיר ניט צי אין קיעוו איז דאָ צו קריגן פאַשע. און צווייטנס — וועט דאָך דאָ קאָסטן וועלוועלער."

געהערט אַזאַ ענטפער, איז די אידן איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „וואָלט אפשר ניט געווען אַ פּלאַן, זיך אָנגרייטן דאָ מיט אַ פּאָר פודלאַך ברויט?" איינער פון זיי אַ בעקער פון דערהיים, רופט זיך אָפּ: „פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע ניט נעמען אַ פּאָר זעקלאַך מעל און אַליין דאָ אויסבאַקן, וועט דאָך אונז קאָסטן נאָך ביליגער?"

פאַרשטייט זיך, אַז חברה האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. „וואָס עפּיס מעל — לאַכט איינער — לאָמיר קויפן קאָרן און אַליין מאָלן, און די מעל באַקן — וועט דאָך אונז קאָסטן בזול הזול!" איינער, גאָר אַ קלוגער, האָט זיך אָנגערופן: „לאָמיר נאָר נעמען אַ 25 פונט קאָרן און אַליין טאַקע פאַרזייען, און אַז דער אויבערשטער וועט העלפן אַ גוטע גערעטעניש, וועלן מיר דאָך האָבן ברויט האַלב אומזיסט!" הכלל, חברה האָבן זיך אַזוי לאַנג געווערטלט, ביז ס'איז געבליבן, ווי דער בעקער האָט געזאָגט — מ'דאַרף אָפּבאַקן אַ פּאָר זעקלאַך מעל.

לויפט דער קאָמיטעט אַריין צום רב, ווייזט אויס אַן אָרנט־לאַכער, און מען דערציילט אים דעם ענין. ער הערט זיי אויס מיטן גרעסטן ישוב הדעת, ווי ער וואָלט דאָ געהאַט אַ גרויסן דין תורה צו פּסק'ענען. ווען זיי האָבן אַלעם אויסדערציילט און ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ס'ניט קיין דין תורה, שטעלט ער אָן אַ פּאָר אויגן און פרעגט, ווי פאַרוואונדערט:

— וואָס־זשע ווילט איר פון מיר?

ענטפערט דער קאָמיטעט, אַז פון אים ווילן זיי, אייגנט־לאַך, גאָר אַ קלייניגקייט. אַזוי ווי זיי זיינען דאָ פרעמדע, ווילן זיי בעטן דעם רב, ער זאָל זיי נאַרייען אַן אָרנטלאַכן מעל־הענדלער, מ'זאָל זיך קענען אויף אים פאַרלאָזן, אַז ער וועט זיי ניט באַרייסן אין דער פּרייז און אויך דאַרפן זיי אַ בעקערשן אויוון. באַקן, וועלן שוין די פרויען אַליין.

דערהערט אזא ענטפער, ווערט דער רב אביסל פאַרטראַכט און טוט אַ פרעג:

דאַ באַטראַכט זיך דער בילילעווקער איד און זאָגט, אז ס'איז קיין נפקא מינה ניט, וואָס דער רב האָט אַ פרעג געטאָן. דער עיקר איז — מ'איז מושוה געוואָרן און אין אַ פּאָר שעה ארום האָבן זיי שוין געהאט זייער אייגענעם ברויט.

— יע, דערמאָנט ער זיך, מיט די פורמאנעס, די גויים, האָבן זיי געהאט אביסל אַ דולעניש.

דאַ ווערט אביסל אַ טומל צווישן די פאַרזאַמלטע אויפן שול־הויף. די אָנגעשראָקענע קליין־שטעטלדיקע אידן, האָבן געמיינט, אז ס'איז חלילה עפּיס פּאָר געקומען אַ פרישער גראַבעזש. זיי האָבן זיך אָבער באַלד באַרואיקט, ווען דער בילילעווקער איד האָט באַלד דערקלערט, וואָס דאָס דולעניש איז געווען.

די גויים האָבן אָנגעהויבן דולן אַ קאָפּ, אז מ'זאָל שוין פּאָרן. „גיי דערצייל די באַמולעס, אויף וואָס מ'וואַרט דאָ, וועלן זיי דאָך באַלד אָנהויבן טענות: „נייע פופּצען פּוד משא.“ האָבן זיך די אידן אזוי לאַנג געקליבן און געדרייט אהער־אהין, ביז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, דער ברויט איז פאַרטיק געוואָרן. נעמט יעדערער פון זיי צי דריי־פיר ברויטלאַך. דאָס קענען דאָך די גויים ניט פאַרווערן. אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף דאָך האָבן כּאַרטש. און זיי לאָזן זיך אין וועג לעבעדיק און פרייליך. אַ קלייניגקייט, אזא אויפּטו! דער ברויט האָט זיי געקאָסט בסך הכל האַלב און אפשר נאָך ווייניקער, ווי מ'לייזט אים אין מאַרק. הייסט, דאָס שפּיצל, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן זייערע באַמולעס.

אויף די פאַר־חושך'טע פּנים'ער פון די אויסגעמוטשעטע עלטערע אידן, דאַ אויפן שול־הויף, זעט זיך אַ צופרידענער

שמייכל. די איינגערע פון זיי, לאַכן אויפן קול. דאָ און דאָרט הערן זיך אויסגעשרייען: „איי, ס'איז אַנטיק! אַך ס'אַרא אינטערעסאַנטע געשיכטע!“ אייניקע קוקן זיך איבער מיט זייערע שכנים און זאָגן: „וואָרדען, אַחדות — איז עפּיס אַ קליינינקייט?“ איינער שרייט אויס: „יע, וואָס־זשע הערט זיך עפּיס מכח דירות, אויב איר זיינט אַזעלכע חכמים?“ דער גאַנצער עולם כאַפּט עס אונטער:

— יע, יע! וואָס הערט זיך מכח דירות?

דער בילילעווקער איד פאַרלירט זיך גאָר. ער נעמט זיך פּאַוואָלי אַרויס זיין בלויע פאַטשיילע פון דער אונטערשטער קעשענע, און זיין לאַנגן סורדעט. ספּראַוועט זיך מיט דער נאָז, נעמט ער ערשט אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע אַ קייַלעכדיק בלעכן פּושקאַלע. די רעכטע האַנט גייט עס איבער צו דער לינקער. דער בילילעווקער איד שמייכלט און באַטראַכט דעם עולם, ווי ער איז אַזוי נייגעריק צו וויסן מכח „זיינע“ דירות. מיט דער רעכטער האַנט טוט ער אַ קלאַפּ אין פּושקעלע. מיט דער דלאָני פון דער זעלבער האַנט נעמט ער אַראָפּ דאָס דעקל און רוקט עס אונטער אונטערן פּושקעלע, און מיט די צוויי ערשטע פינגער נעמט ער אַן אַ רעכטע פּאָרציע טאַבעקע. פּאַוואָלינקע דערלאַנגט ער עס צו דער נאָז, ציט זי דאָס אַריין מיט אַזאַ אַפּעטיט, אַז דער איד קוויקט זיך אַזש פאַר תענוג. דערזעט עס דער עולם, הויבן זיך אָן ציען הענט מיט אָנגע־גרייטע צוויי טאַבעקע־פינגער, צום אידן מיטן פּושקעלע.

אַרום און אַרום הערט זיך אַ שנייצעניש, אַ ציעניש און אַ קוויקעניש. דער בילילעווקער איד רוט זיך דערווייל אַביסעלע אָפּ, בשעת ער באַטיילט דעם עולם מיט זיין טאַבעקע. אַז דאָס פּושקעלע איז שוין באַלד ליידיק, פאַרמאַכט ער דאָס אין דער גיך און לייגט עס צוריק אַריין אין בוזעם קעשענע.

דער עולם הויבט אָן האַפּטשען, אונטער דער ווירקונג פון דער טאַבעקע, און דער איד הייבט אָן ווייטער צו דער־ציילן:

— איצט, זאָגט ער, קומט ער צו צום עצם פונקט.

5

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין קיעוו, איז שוין דער זייגער געווען ארום זעקס פאַרנאַכט. ביז וואַנען זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אַז זיי האָבן ניט וואו צו איבער נעכטיקן, איז שוין דער זייגער געוואָרן — אַכט. געוואָר געוואָרן זיינען זיי אויף אַגאַנץ פשוט'ן אופן. זיי זיינען צוגעפאָרן צו עטלאַכע האָטעלן, האָט מען זיי אומעטום געזאָגט, אַז ס'ניטאָ קיין פרייע צימערן. די פורמאַנעס, די גויים, דולן זיי דעם קאָפּ — זיי מוזן פאָרן אַהיים. „זיי קענען זיך דאָ מיט די אידן ניט ארום שלעפן די גאַנצע נאַכט, ס'אַ רחמנות אויף דער כאַדאָבע.“ דערוויל דערזעט זייער קאָמיטעט אַ שול, וואו אידן גייען איצט מנחה דאַוונען. בלייבט באַ זיי, אַז מ'פאַרפאָרט גלייך אין שול אריין. האָבן זיך געפונען אַזעלכע צווישן חברה, איבערהויפּט די ווייבער, וואָס זיי האָבן ווי פאַרציטערטע אָנגעהויבן טענה'ן: „וואָס הייסט“? האָט זיי אָבער דער קאָמיטעט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'קיין אַנדער ברירה איצט ניט פאַראַן. און צווייטנס, אויב ס'וועט ניט זיין קיין יד אחת און מ'וועט אים ניט לאָזן דורך פירן זיין פּלאַן, קען ער שוין, זאָגט ער, זיך אָפּזאָגן און זאָל זיך יעדערער טאָן, ווי ער פאַרשטייט.

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דבורים, איז דער גאַנצער עולם אַנשווייגן געוואָרן און צוגעזאָגט אַז אַלעס, וואָס דער קאָמיטעט וועט טאָן זאָל זיין געטאָן.

דער עולם האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן מנחה דאַוונען,

ווען זיי זיינען אהין אריין מיט זייערע פעקלאך. די עלטערע ווייבער זיינען אויך מיט געגאנגען — א קדושה איז ניט הפקר. געבליבן אויפן שול־הויף זיינען נאר די יונגערע פרויען מיט די קליינע קינדער, כדי ניט מבלבל זיין דאס דאווענען.

די גאנצע צייט, וואס דער בילילעווקער רעט, האלט דער עולם אין איין קוקן אויף אים. א גרופע אידן, וואס שטייען איינע לעבן די אנדערע, האבן מיט אמאל, עפים ווי דורך א מאשין, אריבער געטראגן זייער קוק צו די טירן פון שול און האבן צווישן זיך אנגעהויבן שעפטשען:

— נו, זיינען מיר ניט קיין טפשים, וואס די וועלט פאר־מאגט ניט? — דאס האבן עס געוועט צווישן זיך אט די אידן, וואס האבן ערשט ניט לאנג דא זיך דערשראקן פאר'ן שמש'ס שליסלען און ארוים פון שול. די איבעריקע פונם עולם מאכן צו זיי מיט די הענט „זיי זאלן ניט מעשאיען,“ און דער בילי־לעווקער איד האלט אלץ אין דערציילן:

דער עולם גיט זיי אפ א ברייטן „שלום עליכם“ און דער שמש פון זיין זייט גיט זיי צו פארשטיין, אז זיי זאלן זיך גאר אפילו ניט אנהויבן איינריידן, אז זיי וועלן היינט דא נעכ־טיקן. די שול, זאגט ער, איז ניט קיין הקדיש.

נו, נו. אזוי ווי ער האט נאר דאס ווארט ארוים געזאגט, האט זיך עס דער קאמיטעט אויף אים ארויף געכאפט:

— דו, אזעלכער און אזעלכער, ווילסט נאך שיטן זאלץ אויף אונזערע צעיאטערטע וואונדן? נאך קארג, וואס מיר זיינען די גאנצע צייט אויסגעשטאנען פון די פעטלורעווסקע פאגראמ־שטשיקעס, ועסטו נאך, דו אויסוואורף, אונז צאפן בלוט, ווי וואסער? די קהל'שע קישקע, זאגן זיי, נעמט זיך נאך אן אן דער הייליקער קריוודע פון שול! דו פיאווקע, דו הולטאי — מיר זיינען דאס הקדש אידן ? !

אין שול ווערט א גוואַלד אַ געשריי, ממש — הימל עפן זיך. די ווייבער מיט די קינדער האָבן דערהערט דעם טומל, זיינען זיי אויך אַריין אין שול. דער עולם, ווייזט אויס, אויך פון די נאָר־וואָס אַריינגעקומענע קיין קיעוו, האַלט מיטן קאָמיטעט. א נס, זאָגט דער בילילעווקער, וואָס דער זלידני, דער שמש האָט זיך באַלד אָבגעטראָגן. א ניט, וואָלטן אים די ווייבער אויף פּיצלאָך צעריסן.

די פאַרזאַמלטע אַרום דעם בילילעווקער אידן ווערן אויפגע־רעגט. זיי הויבן אָן אָכקען. פון אומעטום הערט זיך — „אַך!" די אידן, וואָס האָבן ערשט היינט דאָ צוטאָן געהאַט מיטן שמש, רעדן צווישן זיך: „זעסטו, ווי מיר זיינען געווען בהמות!" „פּונקט דאָס זעלבע איז ־אָך היינט געווען מיט אונז." „אַ טשיסטע סדום!" דער עולם וויל דאָך אָבער פאָרט הערן די „אינטערעסנע היסטאָריע," באַרואיקט ער זיך און הערט ווייטער, ווי דער בילילעווקער איד דערציילט:

אַז אין שול איז געוואָרן אַזאַ רעש און אַזאַ געשריי, האָבן זיך, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבן קלייבן מענטשן פון דער גאַס, און אין שול איז געוואָרן אַ גאַנץ היבשער עולם. כאָטש אויף וועמען צו שרייען איז שוין ניטאָ, ווייל דער שמש האָט דאָך שוין פון לאַנג אָפּגעטראָטן און דער עולם דאַוונערס איז סיי ווי סיי געווען אויפן קאָמיטעטס זייט, — איז אָבער מיטן צוגעקומענעם פרישן עולם פון דער גאַס, ע־שט באַנייט גע־וואָרן דער ויכוח. ערשט אַצינד האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה. אייניקע האָבן אָפּגעגעבן גערעכט דעם שמש און די גרעסטע מערה־יט האָט געהאַלטן אין איין שרייען —, ס'איז אַ רציחה." „די וועלט מוז אונטערגיין, און אַן עק זאָל דאָס נעמען."

מיט וואָס די דאָזיקע קריג וואָלט זיך געווען געענדיקט, זאָגט דער בילילעווקער איד, איז שווער צו טרעפן. ס'הייסט,

שלאָגן וואָלטן זיך דיביידע צדדים געווים געוועזן. אין דעם קען גאָר קיין ספק ניט זיין. נאָר מיט וואָס די שלעגערייַ וואָלט זיך געוועזן געענדיקט — דאָס איז שווער צו זאָגן. א נס, וואָס פון צווישן עולם האָט זיך ארוים גערוקט א איד. די גאַנצע צייט האָט מען אים א מויל ניט געזען עפענען. ער איז אויך פון די צוגעקומענע מענטשן פון גאַס, ווען זיי האָבן דערהערט, אז אין שול איז א טומל. איז ער די גאַנצע צייט געשטאַנען אין א זייט. אויסזען זעט ער אוים, ווי פון א יאָר פערציק. א הויך גע־וויקסיקער מיט ברייטע אַקסלען. אָנגעטאָן איז ער — א מלבוש פון זעק־לייוונט. זיין אויסגעהונגערטער אויסגעצויגענער פנים, איז ארום גערינגלט מיט א געלבע ניט געשוירענע באָרד. אויפן קאָפּ טראָגט ער א קאַשקעט מיט אביסל א צעקנייטשטען דאַשעק, און פון אונטער אָט דעם דאַשעק, קוקן ארוים א פּאָר בלויע גרויסע אויגן. — „טאַטע זיסער! — ווערט דער בילילעווקער איד באַגייסטערט — נאָר מלאך רפאל דאַרף האָבן אַזעלכע אויגן. עפּיס פול מיט טרויער, פול מיט רחמים."

—כל זמן אָט דער איד איז געשטאַנען דאָרטן אין א זייט, האָט גאָר אים קיינער ניט באַמערקט. א נייס אין די חסידישע קליינע שטעטלאַך אַזא איד? איי, וואָס טוט ער אין קיעוו? א קשיא! מסתמא איז ער אויך דער זעלביקער קאַסריעל, ווי אַלע היימלאָזע. מסתמא האָט ער אויך איבער געלעבט עטלאַכע פּאָגראָמען פון די זעליאָנאָווצעס און טיוטינעווצעס, ביז ער איז קוים א לעבעדיקער אַנטלאָפן קיין קיעוו. ס'הייסט — גיט צו דער בילילעווקער איד — עד היום איז מיר קיין נפקא מינה ניט, ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. אינטערעסאַנט איז אָבער צו וויסן, ווער איז ער אצינד, אָט דער איד מיט דער געלבער גרויסער באָרד און מיט די בלויע מלאכים'שע אויגן?

6

דער פאַרזאַמלטער עולם דאָ אויפן שול־הויף ווערט נייגעריק, ער וואָלט שוין וועלן וויסן ווער דער איד מיט דער גרויסער געלבער באָרד איז געווען, און מיט וואָס האָט זיך דאָרטן די מעשה געענדיקט. האָט זיך אָבער דערווייל דער שמש פון דאַנען געיאָוועט, דערזעען אים די אידן וואָס ער האָט זיי היינט דעם וועג געגעבן. הויבן זיי אָן טייטלען אויף אים מיט די פינגער און שרייען אויף אַ קול: „אָט איז אַ צווייטער בלוט־זייגער!" דער איבעריקער עולם קוקט זיך אַרום און די אידן דערציילן פאַר זיי, וואָס ס'האָט פּאַסירט היינט אויך אין דער דאָזיקער שול מיט דער אַ „קהל'שער קליאַמקע." דער שמש פאַרשטייט, אַז ער קען דאָ שלעכט אָפּשניידן — דרייט ער זיך אין דער גיך אַוועק פון דאַנען און דער בילילעוועקער איד דערציילט, ווי אָט דער איד מיט דער געלבער באָרד גייט צו צו אײנעם פונם שמש'ס צד, צו דעם וואָס האָט געשריגן מער און העכער פון די איבעריקע, און טוט באַ אים אַ פרעג:

— הייסט עס, איז אייער מיינונג, אַז די אידן דאַרף מען ניט אַריינלאָזן אין שול?

— געוויס ניט! — ענטפערט דער יונגערמאַן. ער איז אינגאַנצן געראַזירט און זעט אויס פון אַ יאָר דרייסיק. אָנגעטאָן איז ער אין אַ ריינעם אויסגעפּרעסטן אַש־קאָלירענעם קאָסטיום, פונם זעלבען קאָליר איז אויך זיין געוועגטענע הוט. די גאַנצע הלבשה האַרמאָנירט במעט פונקטלאַך צו דער פאַרב פון זיין געדיכטן קאָפּ האָר און צו זיינע אויגן, וועלכע קוקן אַרויס דורך אַ פּאָר גאָלדענע ברילן. מיט זיין בליק מעסט ער דערווייל אָפּ דעם אידן, וואָס „מישט זיך אין פרעמדע עסקים" און באַטראַכט אים אַזוי פון זיין צעבראָכענעם דאַשעק ביז זיינע שוואַרצע אָפּגעריבענע צעריסענע שיך. דער איד ווערט גאָר ווינציק נתפעל, וואָס דער דאָזיקער יונגערמאַן קוקט אויף אים

מיט אזא ביטול דורך זיינע גאָלדענע ברילן. דעם שפּיץ פון זיין געלבער באָרד האַלט ער בשעת מעשה אין מויל און טוט דערוויייל א פרעג, טאַקע דעם אָ יונגענמאַן:

— זאָגט־זשע מיר, זייט אזוי גוט, וואו־זשע פּאַרט זאָלן זיך אהינטאָן אזעלכע אידישע פאַמיליעס, וואָס אנטלויפן פון דער באַנדיטישער שווערד און קומען זוכן שוץ אין קיעוו?

— דאַרויף איז דאָ א סאָוועט, ער מוז דערפאַר זאָרגן.

— ענטפערט דער יונגערמאַן. און פון גרויס צופרידנקייט פון אזא קורצן און שאַרפן ענטפער. נעמט ער בהרחבה'דיק א פּאַפּיראָס פון זיין זילבערנער פּושקע. מיט א באַזונדער ליצנות־שמייכעלע, דערלאַנגט ער זיין אָפענע זילבערנע פּושקע צום אידן מיט דער געלבער באָרד און זאָגט אים:

— נעמט בעסער, רעב איד, פאַררויכערט א פּאַפּיראָס. און פאַר די פּאַגראָמירטע אידן וועט זיך שוין דער סאָוועט זאָרגן.

דער איד באַדאַנקט זייער שיין דעם יונגענמאַן פאַרן פּאַפּיראָס, וואָס ער וויל אים געבן. ער איז ניט געוואוינט, זאָגט ער, צו רויכערן אזעלכע גוטע פּאַפּיראָסן. ער לייגט אריין די הענט אין די קעשענעס פון זיין זאַקראָק און פאַרלאָזט דאָס רעדל.

די צדדים האָבן זיך דערוויייל באַרואיקט. דער עולם שטעלט זיך דאַווענען מעריב. די אריין געקומענע פון גאס גייען זיך פאנאנדער פון שול. דער שמש וואָס איז נאָר־וואָס אריין נע־קומען האָט שוין פאַרשפּעטיקט די ברכו, איז ער באַלד צוגע־גאַנגען צום יונגענמאַן מיט די גאָלדענע ברילן און עפּיס גע־רעט מיט אים. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויס געוויזן, איז דער יונגערמאַן טאַקע דער גבאי פון שול.

נאָר־וואָס דער עולם האָט אָפּגעדאַוונט, דאָס זעקס־יעריקע אינגאַלע האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן קדיש, וואָס זיין גרייז־

גרויער זיידע זאָגט מיט אים נאָך זיין אכט און צוואַנציק־יאָריקן טאַטן, וועלכער איז טאַקע אין בילילעווקע געהרג'עט געוואָרן, גיים צו דער שמש צו די בילילעוווקער אידן און בעט זיי איבער, זיי זאָלן קיין פּאַראיבל ניט האָבן. ער איז דאָ מער ניט ווי אַ שמש, זאָגט ער, און מוז אָפּהיטן, וואָס דער גבאי האָט אים פאַרזאָגט: „איינמאָל איבער אַלעמאָל, אַ שול איז ניט קיין איינפאָר." וויל ער, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט זייערע פּעק־לאַך, ווייל ער דאַרף פאַרשליסן די שול.

די אידן איז געווען דאָס האַרץ פאַרביטערט, האָבן זיי אינ־גאַנצן געשוויגן. דער סעקרעטאַר פון זייער קאָמיטעט האָט זיך נאָר אָנגערופן:

— מיט אייך ווילן מיר גאָר־ניט טענה'ן. זאָגט אונז וואו וואוינט דער גבאי? מיר ווילן ריידן מיטן גבאי.

דער יונגערמאַן אין די גאָלדענע ברילן, שטייענדיק דאָרטן באַם עמוד האָט דערהערט, אַז זיי ווילן ריידן מיטן גבאי, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי. און האַלטנדיק די גראָבע פינגער אַריין געשטעקט אינם גאָלדענעם קייטל, וואָס איז געווען אויסגעצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פונם וועסט, רופט ער זיך אָפּ:

— נו, זייט איר ניט קיין מאָדערנע מענטשן? וואָס איז אייך די נפקא מינה, אַז דער גבאי וועט שוין אייך זאָגן דאָס, וואָס דער שמש זאָגט אייך?

דער סעקרעטאַר האַלט זיך באַ זייניקעס:

— אונז איז טאַקע, זאָגט ער, קיין נפקא מינה ניט. פון דעסטוועגן ווילן מיר ריידן מיטן גבאי אַליין. איך רעכן, אַז מירן ריידן מיטן גבאי, וועט ער אונז דאָך ערלויבן איבערשטיין דאָ אין ווייבערשער שול אַ פּאָר טעג, ביז מירן קריגן ערגיץ אַ וואוינונג.

דער איד מיט דער געלבער באָרד, וואָס איז נאָך אַלץ ניט

אוועק געגאַנגנען פון שול, טוט זיך מיט אַמאָל א הויב פון זיין אָרט, וואו ער איז דאָרט געזעסן און גייט צו צום רעדל, בשעת דער יונגערמאַן מיט די גאָלדענע ברילן זאָגט צום סעקרעטאַר:

— נו, שטעלט אייך פאָר, אַז דאָ רעדט איר מיטן גבאי זעלבסט און ער האָט אייך שוין ניט ערלויבט!

— הייסט עס, זיינט איר אפשר דער גבאי?! כאַפּן זיך אָן אומגעדולדיק די איבעריקע קאָמיטעטשיקעס. אָבער איידער זיי האָבן געענדיקט, וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן, פאַלט אין מיטן אריין דער איד מיט דער געלבער באָרד און שרייט אויס:

— וואָס טויג אייך דער גאַנצער משא ומתן (מאַסעמאַטן)? זאָגט נאָר יונגערמאַן, וואו וואוינט איר?

לכתחלה האָט דער יונגערמאַן אין די גאָלדענע ברילן, דער גבאי הייסט עס, אפילו ניט געוואָלט קוקן אין דער זייט פונם אידן מיט דער געלבער באָרד. ער האַלט אַלץ אריין געשטעקט די גראָבע פינגער אין זיין גאָלדענעם קייטל און וויל עפּיס זאָגן. דער איד מיט דער געלבער באָרד שטעלט זיך אָבער אוועק פונקט אַנטקעגן דעם גבאי און מאַכט צו אים:

— איר, זייטשע מוחל, לאָזט אָפּ די אידן. איר האָט מיט זיי נאָר־ניט וואָס צו ריידן. זיי וועלן דאָ אין שול זיין, וויפיל זיי וועלן דאַרפן און איר זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, באַלד, וואו איר וואוינט.

און כדי זיך ניט אריין לאָזן מיטן גבאי אין קיין לאַנגע טענות, נעמט דער איד מיט דער געלבער באָרד ארויס פון זיין בוזעם־קעשענע א פּאַפּיר און ווייזט אים דעם גבאי. די היימ־לאָזע אידן דערזעען, ווי דעם גבאי׳ס פּנים ווערט עפּיס בלאַס און דער פריערדיקער שמייכל איז געבליבן א פאַרגליווערטער איבער זיינע ליפּן,— פאַרשטייען זיי, אַז דאָ איז עפּיס ניט גלאַטיק, גייען זיי אוועק אין א זייט צו זייערע פּעקלאַך. וואָס דאַרפן זיי זיך מישן אין אַזעלכע עסקים. . . ? די ווייבער

שושקען זיך: „דער גבאי האָט זיך דאָ, ווייזט אויס, אָנגע־פרעגט מפטיר" און דאָס פּאָרל, דער יונגערמאַן מיט די גאָל־דענע ברילן און דער איד מיט דער געלבער באָרד, שטייען דאָרט און דינגען זיך: דער, בעט דעם אַדרעס און דער גבאי בעט אים, ער זאָל דאָס מאָל אים צו רו לאָזן. דער שמש שטייט ווי אַ צוגעשמידטער און האַלט אין איין פּינטלען מיט זיינע ברייט געעפנטע אויגן, ווי די סטעלי וואָלט דאָ פּלוצים אַראָפּ געפאַלן איבער זיין קאָפּ.

7

פון צווישן דעם עולם, וואָס הערט זיך אַזוי צו צום בילי־לעוועקער אידן, הערן זיך אויסגעשרייען: „אַך, ווי גוט דאָס איז!"" „אַ מצוה, כ'לעבן!" „דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!" „אַך, ווי שיין דאָס איז!" „וואָס־זשע איז וויטער געווען?" דער בילילעוועקער איד באַנוצט זיך דערווייל מיט דער געלעגנהייט און רוהט זיך דערווייל אָפּ. מיינען אַנדערע, אַז ער איז שוין מיד און וויל שוין מער ניט דערציילן. הויבן זיי אָן שרייען:

— יע, מיט וואָס־זשע האָט זיך עס געענדיקט? — דער בילילעוועקער איד קוקט זיך אַרום און דערזעט די לאַנגע גרויסע טרעפּ באַם שול־אַריינגאַנג, לאָזט ער זיך אַהינצו. מיינט דער עולם, אַז ער וויל שוין אַוועק גיין, לאָזט מען אים פון רעדל ניט אַרויס. רייסט ער זיך דורך און זעצט זיך אַוועק אויף די טרעפּ, באַרואיקט זיך דער עולם און פאַרכאַפּט אויך ערטער אַרום דעם בילילעוועקער אידן. די איבעריקע, וועלכע האָבן קיין ערטער ניט געקענט פאַרכאַפּן אויף די טרעפּ, שטייען אָנגע־שפּאַרט וועער אויף זיין שטעקן און וועער אויפן צווייטנס אַקסל. דער עולם באַרואיקט זיך אביסל און דער בילילעוועקער איד דער־ציילט ווייטער:

— דאָס דינגעניש מיטן גבאי, זאָגט ער, האָט לאַנג ניט געדויערט. דער איד מיט דער געלבער באָרד האָט נאָך אַמאָל אַ זאָג געטאָן: „הייסט עס, זאָגט איר מיר ניט וואו איר וואוינט?“ און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר,— אַזוי האָט דער גבאי באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער רעט דאָ ניט מיט אַ וועלכן ס'ניט איז צעבראָכענעם אידן פון בילילעווקע צי פון אַן אַנדער פאַגראָמירטע שטעטל. ער האָט באַלד אויך תּופס געווען, אַז דאָ זיך אויסקויפן איז ניט שייך. דאָ מאַכט מען ניט קיין איבעריקע עסקים. האָט ער באַלד געגעבן דעם אַדרעס און וואָרט שוין, וואָס מ'וועט אים ווייטער הייסן טאָן:

דער איד מיט דער געלבער באָרד „פּרעדלאַגאַיעט“ (לייגט פאָר) דעם גבאי, ער זאָל זאָגן דעם שמש עפענען די ווייבערשע שול און דאָרט איינאָרדנען די פרויען מיט די קינדער. ס'איז שוין צייט, זאָגט ער, זיי זאָלן גיין שלאָפן און זיך אָפּרוהען נאָך אַזאַ שווערן טאָג.

וואָס די ווייבער האָבן אָנגעוואונשעוועט דעם אידן מיט דער געלבער באָרד, ווען זיי זיינען שוין געווען מיט די קינדער אין ווייבערשער שול — קען מען זיך פאָרשטעלן. זיי האָבן נאָר געוואָלט וויסן, ווער ער איז. אַז דער שמש האָט זיי געזאָגט אין דער שטיל, אַז ער איז אַ „גלאַוונער מאַכער“ אין וואוינונגס אָפּטייל פון סאָוועט, און אַז ער קען הייסן זיך ארויסקלייבן און אַריינקלייבן וועמען ער וויל,— האָבן די ווייבער ערשט אָנגעהויבן וויינען פאַר פרייד. הייסט דאָס, זאָגן זיי, אַז דער וואָס אין הימל האָט זיך פאָרט אויף זיי דערבאַרמט און זיי וועלן שוין ניט דאַרפן זיך וואַלגערן מיט די קינדער אויפן מיטן גאַס. פאַר גרויס שמחה — דערציילט דער בילילעווקער איד — האָבן זיי דעם שמש אָנגעבענטשט די וועלט און יענע וועלט און האָבן אים אַפילו געוואָלט געבן אַ היימישן געבאַקטן ברויט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון איגנאַטעווקע.

צווישן דעם עולם דאָ אויפן שול־הויף שיסט אויס אַ געלעכטער. דער לאַכן איז אָבער געווען ניט נאָר אויפן חשבון פון די אָרנטלאַכע אידישע טעכטער, וואָס האָבן שוין אַזוי גיך פאַרגעסן די רשעות פונם שמש. אין דעם דאָזיקן געלעכטער האָט זיך אויך געפילט דער אויסדרוק פון פרייד, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ פון אַ מענטשן, ווען ער זעט, אַז עס איז פאַראַנען ווער עס זאָל זיך אָננעמען אין דער קריוודע פון דעם עלנדטן און געקריוודעטן.

דער בילעלעווקער איד דערציילט ווייטער, ווי ערשט נאָכדעם, אַז זיי האָבן איינגעאָרדנט די פרויען מיט די קינדער אין דער ווייבערשער שול, האָט זיי דער איד מיט דער געלבער באָרד אַריין גערופן אין שול־שטיבל אויף אַ זיצונג און ערשט דאָרטן האָט ער פאַרן גבאי אַוועק געלייגט אַזאַ דרשה:

— איך בין אינגאַנצן, זאָגט ער, מסכים מיט אייך, אַז די שול קען ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ איינפאָר־הויז, אין אַ האָטעל. איך בין אויך איינפאַרשטאַנדיק, אַז דער סאָוועט דאַרף פאַרזאָרגן די אָנגעקומענע היימלאָזע אידן מיט וואוינונגען. שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז באַם גרעסטן און ערנסטן ווילן פונם סאָוועט דאָס צו טאָן, זיינען איצטער ניט פאַראַן קיינע שום פיזישע מעגלאַכקייטן דערצו. אַלע האָטעלן זיינען בוכשטעבלאַך פאַרנומען. די באַפעלקערונג אין קיעוו האָט זיך איצט פאַרגרעסערט מיט הונדערט פראָצענט. וואוינונגען ווידער זיינען געוואָרן ווינציקער. אַ סך דירות זיינען פאַרברענט געוואָרן אין דער צייט פון שיסעריי און באַנדיטישע אָנפאַלן. פיל הייזער זיינען רואינירט געוואָרן, ווייל זייערע באַלעבאַטים פאַרנאַכלעסיקן זיי.

נאָך מער טרויעריק איז די לאַגע מיט אַזעלכע היימלאָזע אידן, וועלכע קומען איצט אַהערצו פון די קליינע שטעטלאַך.

זיי האָבן מיט זיך אַלע געוואוינהייטן פון זייער אַלטער היים, קענען זיי זיך אַזוי גרינג ניט צופּאַסן צו די גרויס שטאָטישע באַדינגונגען. זיי פילן זיך ניט איינגענעם, ווען דער סאָוועט גיט זיי אַ צימער אַפילו באַ אַ אידן, אויב נאָר זיין אַרט לעבן איז אַנדערש ווי זייערער. היינט שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי איבערהויפּט זייערע פרויען און קינדער פילן זיך, ווען זיי דאַרפן וואוינען בשכנות מיט אַ ניט אידישע פאַמיליע. אויסער דעם ווייסן מיר דאָך, אַז צווישן די ניט־אידישע איינוואוינער אין קיעוו איז דאָ זייער אַ גרויסער פּראָצענט, וואָס אין זייערע גוטע געפילן צום אידן איז נאָך דאָ גענוג צו צווייפלען. אמת, זיי ווייזן ניט אַרויס קיין אָפענעם אַנטיסעמיטיזם דערפאַר, ווייל זיי ווייסן אַז ס'דאָ אַ סאָוועטן־מאַכט, וועלכע קען אויף אַ סעקונדע ניט דולדן קיין ראַסן־האַס. מיר קענען אָבער זייער גרינג זיך פאָרשטעלן, ווי אַ פיינדלאַכער פייער קען זיך אָנ־צינדן באַ דער ניט־אידישער פאַמיליע צו איר אידישע שכנה (שכיינע) אונטער אַ מאַסקע פון קיך אינטערעסן. מ'רעדט שוין ניט פון עניני כשרות און נאָך אַזעלכע טראַדיציעס, וואָס די אידישע קליין־שטעטלדיקע פרוי וועט אין זיי באַגעגנען די גרעסטע שטערונג מצד די ניט־אידישע מיטוואוינער.

נעמענדיק דאָס אַלעס אין באַטראַכט מוזן מיר זיך רעכענען מיט די אומשטענדן און לעזן די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע ספּעציפיש אידישע פראַגע אויף אַ ספּעציעלען אידישן אופן. דאָס מיינט — אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלאַך, איינאָרדנען די אידישע היימלאָזע צווישן אידישע איינוואוינער.

און דאָ שלאָגן מיר זיך אָן אויף גרויסע שוועריגקייטן. דער אידישער האָרעפּאַשניק, אין אַלגעמיין דער ניט פאַרמעג־לאַכער איז זייער גאַסט־פריינטלאַך צו די אידישע היימלאָזע. וואוינט ער אָבער אַזוי איינג, אַז באַ אַנדערע באַדינגונגען וואָלט

ער זיך גאָר אליין גענויטיקט אין אביסל א טראַמערע וואוינונג פאַר אים מיט זיין ווייב און קינדער. באַ זיין גרעסטן ווילן קען מען אהין קיין היימלאָזע ניט באַזעצן. די פאַרמעגלאַכע אידן ווידער, זיי וואָלטן שוין יע געהאַט גענוג אָרט צו באַזעצן אין זייערע דירות אידישע היימלאָזע, זיינען זיי אָבער אַזוי איינגּ הארציק, אַז זיי ווילן בשום אופן ניט אַריינטראַכטן זיך אין דער לאַגע פון די היימלאָזע עלנדע.

איך קען אייך גאַראַנטירן — רעדט אַלץ דער איד מיט דער געלבער באָרד — אַז באַ היינטיקן טאָג געפינען זיך אין קיעוו הונדערטער אַזעלכע צימערן, וועלכע וואָלטן געווען ווי געוואונשן פאַר די אידישע היימלאָזע און מצד די באַלעבאַטים וואָלט עס ניט געווען קיין איבעריקער קרבן. מאַכן אָבער די באַלעבאַטים אַזעלכע פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, אַז עד היום זיינען מיר נאָך צו זיי ניט צוגעקומען.

שטעלט אייך פאָר, אַז זיי וועלן זיך פון זייער דירעקטן חוב אַלס בירגער ניט אויסדרייען. ס'וועט קומען דער טאָג. מיר וועלן קומען איבער זיי. דאַן וועלן זיי געוויס ענטפערן פאַר זייער זינד קעגן דער מלוכה־אָרדנונג און קעגן די אומ־שולדיקע אידישע קרבנות. דערווייל אָבער, ביז מיר קומען אי־בער זיי, מוזן מיר דורך אַלע מעגלאַכע וועגן זען איינאָרדנען די היימלאָזע.

שטעלט אייך פאָר. נעכטן ברייננגט אונזערער א מיטאַר־בעטער אזא באַריכט:

ער גייט אריין אין א דירה — א פאַלאַץ, ער דאַרף זי נעמען אויפן חשבון. דער בעל הבית האָט אים אויפגענומען באַ זיך אין קאַבינעט. לויטן אויסזען האַרף דער בעל הבית אַלט זיין אין די הרייסיקער . ער איז א איד און אונזער מיטאַרבעטער איז א איד, הייסט עס, אַז זיי קענען זיך גיכער פאַרשטיין אין

אַזאַ ספּעציעלער אידישער פראַגע. די דירה האָט זעקס צימערן און דער בעל הבית פאַרמאָגט אינגאַנצן זיין אייגנס איין קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף.

פרעגט אים דער מיטאַרבעטער אָן ערקלערונג — צי ווייסט ער ניט די פאַראָרדנונג פון סאָוועט, אַז יעדער דירה־בעל־הבית דאַרף אין וואוינונגס־אָפּטיילונג צושטעלן אַ חשבון פון די פרייע צימערן בא זיך אין דירה?

ענטפערט אים דער בעל הבית גאַנץ רואיק און געלאַסן:

— כ'וויים! וואָס עפּיס ניט וויסן? נאָר בא מיר זיינען קיין פרייע צימערן ניט פאַראַן. עס ווענדט זיך, ווי אַזוי עס ווערט פאַרשטאַנען דער באַגריף „פרייע צימערן!“

— צום ביישפּיעל? — אינטערעסירט זיך אונזער מיטאַר־בעטער צו וויסן.

— אָט וועל איך אייך באַלד וויזן — ענטפערט אַנטשלאָסן און באַוואוסטזיניק דער בעל הבית — נעמט צום ביישפּיל דעם אויפנאַמס צימער. כ'מוז אים האָבן. אַ מענטש קומט אריין, ווען איך בין אין קאַבינעט פאַרנומען, וואַרט ער צו אין אויפ־נאַמס צימער. די זאַל איז פאַר אַ גרעסערע צאָל מענטשן. בא מיר צום ביישפּיל געפינט זיך דער הויז־קאָמיטעט (ער איז טאַקע דער פאָרזיצער פון הויז־קאָמיטעט), ווערן אַלע זיצונגען אָפּגע־האַלטן אין זאַל. נו, אַ עס־צימער איז דאָך אָפּגערעט אַז אַ לעבעדיקער מענטש מוז האָבן! צי אַ שלאָף־צימער און אַ צימער פאַר מיין טאָכטער. איר קענט פאַרשטיין, זאָגט דער בעל הבית צו אונזער מיטאַרבעטער — ווי בא מיר זיינען פאַראַן פרייע צימערן, אַז די דינסט דאַרף שלאָפן אינם קליינעם צימערל לעבן קיך.

פאַרשטייט זיך, אַז אונזער מיטאַרבעטער האָט שוין גאָר־ניט געהאַט וואָס זיך אוים צו טענה'ן מיט אַזאַ בירגער. ער

האָט נאָר צוזאַמען געשטעלט אַ באַריכט און האָט אים גע־בראַכט צו מיר.

דער בילילעווקער איד דערציילט פאַרן עולם, ווי דער איד מיט דער געלבער באָרד האָט בשעת מעשה אַרויס גענומען אַ פּאַפּיר פון בוזעם־קעשענע און באַוויזן פאַר זיי, זיינען זיי גע־בליבן זיצן, ווי פאַרטומלטע. זיי האָבן נאָר געהאַלטן אין איין קוקן איינער אויפן צווייטן. דער גבאי איז געוואָרן נאָך בלאַסער ווי פריער. מ'זעט, אַז דער מאַן מינעט זיך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער דאָזיקער גבאי, וואָס האָט היינט אָונט זיך אַזוי אָנגענומען די קריוודע פון שול־הייליגקייט און האָט די היימלאָזע געטריבן, ווייל פון שול קען מען ניט מאַכן קיין איינפאָר־הויז, — אָט דער גבאי איז טאַקע דער אַ בעל הבית, וועגן וועמען דער איד מיט דער געלבער באָרד דערציילט.

דער עולם דאָ אויפן שול־הויף איז געבליבן שטיין אַ פאַר־גאַפּטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּלייצע־הויבעניש מיט אַ אָנקוקעניש. יעדערער באַזונדער האָט זיך זיינע אַ מימרא, אום אויסצודריקן זיין ערגערניש צו אַזאַ מעשה־סדום און גלייכצייטיק אַ פולע צופרידנקייט, וואָס ס'היינט פאַראַנען אַזאַ מלוכה, וועל־כע נעמט זיך אָן די קריוודע פון די עלנדע.

8

אַ גרייז־גרויער איד מיט אַ פאַרגאַרטלטע זיפּעטשע, וואָס האָט פאַר פאַרדרוס און שמחה צוזאַמען, אַראָפּ געכאַפּט דעם זיידענעם קאַשקעט און זיך געקראַצט מיט דער יאַרמולקע איבערן אָפּגעגאָלטן קאָפּ — מוט אַ פרעג:

— נו, און מיט וואָס האָט זיך עס געענדיקט?

— וואָס הייסט מיט וואָס? — ענטפערט דער בילילעווקער איד — מיר וואַרפן איצט אינאיינעם מיט'ן גבאי!

— איי, ס'אַנטיק! איי, ס'גוט! — הערן זיך אויסגעשרייען פון צווישן עולם.

— וואָס הייסט? — פרעגט אַנ'אַנדערער — איר אַלע, עטלאַכע פערציק נפשות, אָן עין־הרע, האָט זיך „פּאַמעשטשעט" באַם גבאי?

קוקט אים אָן דער בילילעווקער איד מיט אַ זינגערישן שמייכל און ענטפערט אים:

— און דער שמש, וואו איז? פינף פאַמיליעס, וואוינען מיר באַם גבאי און פיר פאַמיליעס — באַם שמש!

— דער שמש אויך? — פרעגט איינער.

—אַוודאי! ! — ענטפערט דער בילילעווקער — מיטן שמש איז געווען נאָך אַשענערע היסטאָריע.

— איי, ס'אַנ'אַנטיק! איי, ס'גוט! — הערן זיך קולות פון צווישן עולם און דער בילילעווקער איד דערציילט די היס־טאָריע מיטן שמש:

— דער שמש האָט, לא עלינו, קיין קינדער ניט און אַ דירה האָט ער פון גאַנצע פינף צימערן. וואָס־זשע טוט ער, אַז די וואוינונגס אָפּטיילונג פון סאָוועט זאָל צו אים ניט אַריין שטעלן עטלאַכע שכנים? פאַלט ער אויף אַזאַ עצה: ער גייט אַוועק אין פאַרוואַלטונגס אָפּטיילונג באַם סאָוועט און דערציילט זיי, אַז אַזוי ווי די אידן, נעבאַך, די אומגליקלאַכע פון די קליינע שטעטלאַך זיינען דורך די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנ־דעס בדילי הדל געוואָרן, און אַזוי ווי זייער איינציקע שוץ, ווי אַ געטרייע מוטער, איז די סאָוועטן־מלוכה,— זיינען זיי דאָך אַלע געקומען קיין קיעוו; איז איצטער קיין עין־הרע ניט דאָ אַזויפיל אידן, אַז ס'פעלן דאָ ממש שולן פאַר זייערט וועגן. לכן איז ער פון די, וואָס איז אַריין אין דער „פּאַלאַזשעניע" (לאַגע) פון די אומגליקלאַכע קרבנות און האָט אויף זיך גענומען

די שווערע טרחה, צו פאַרזאָרגן די אומגליקלאַכע פּאָגראָמירטע אידן מיט אַ שול. בעט ער, הייסט עס, באַם סאָוועט אַן ער־לויבעניש דאַרויף.

די פאַרוואַלטונגס אָפּטיילונג גיט אים, פאַרשטייט זיך, די דערלויבעניש. עס איז דאָך דערפאַר אַ סאָוועטן־מאַכט. יע־דערער קען זיך דאַווענען און זאָגן תהלים אפילו אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט און קיינער וועט אים ניט שטערן. אידן דאַרפן אַ שול — מהיכי תיתא.

הייסט עס, האָט שוין דער שמש קיין מורא ניט טאָמער וועט מען קומען פון וואוינונגס־אָפּטיילונג און באַ אים פרעגן, אויף וואָס ער דאַרף פינף צימערן. ס'דאָך אַ שול. ער האָט דאָך אַ פּאַפּיר פון פאַרוואַלטונגס־אָפּטייל. אום כדי צו זיין מערער זיכער, שטעלט ער אריין אין שטוב עטלאַכע ביינק, וואָס ער האָט געבראַכט פון שול־קאַמער, אויפן וואַנט הייננגט ער אויף אַ שיינעם מזרח און אַלעס איז פאַרזאָרגט אין דער בעסטער אָרדנונג.

דאָ, אַז ס'האָט זיך געמאַכט — פאַרענדיקט דער בילילעווּ־קער איד זיין דערציילונג — אַז מיר זיינען צוגעפאָרן צו דער שול און דאָרטן האָט זיך עס אָנגעהויבן דער געפּילדער און דער גוטער יאָר האָט געדאַרפט אָנטראָגן דעם אידן מיט דער געלבער באָרד, — איז ער שוין געווען אַ בעלן, אויך דעם שמש אַ פרעג טאָן טכה זיין וואוינונג און אזוי ארום האָט זיך עס דער אמת באַוויזן.

— איי, ס'אַנ'אַנטיק! איי, ס'גוט! — הערן זיך קולות פון צווישן עולם.

— הלואי אויף אַלע צבוע'קעס און גאַטס גנבים געזאָגט געוואָרן! — רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער.

די פּאָגרעבישטשער אידן, וואָס האָבן היינט דאָ געהאַט צו טאָן מיטן שמש פון דאַנען האָבן דערווייל צווישן זיך אָפּגערעט

אַז מאָרגן, בלי־נדר ובלי מסכנא, האַרף מען זיך זען מיטן אידן מיט דער געלבער באָרד.

דער גרויער איד מיט דער יאַרמולקע אונטערן היטל, האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַהאַ! איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס באַם דאַוונען האָט מען היינט גערעט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך גענומען צו די שולן.

און דער גאַנצער עולם האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.